ב"ה

קרית ברסלב לאנדאן

פרשת בהר תשפ"ד • שנה ה' • 221#

וועלטליכע נייעס:
איראנער פרעזידענט געשטארבן אין א העליקאפטער קראך

אלץ און אלעמען:
וואספארא מאטריאל איז גלאז?

היכל הקודש נייעס:
דער ראש ישיבה אפגעפארן קיין ארץ ישראל לכבוד ל"ג בעומר

פרייליכע סיום

אויף פרק איזה נשך ביים טעגליכן שיעור פון מו"ה יעקב לעזער שליט"א

קבועות מזוזה

ביים נייעם בית המדרש היכל הקודש בארא פארק

ערשטמאליגע ל"ג בעומר שמועס מיטן מייסטער קלארינעט שפילער **מו"ה אברהם בלטי הי"ו** וויאזוי ער האט דערגרייכט צו דינען אלס דער **סאמע גרעסטער קלארינעט שפילער אין די אידישע וועלט.** | וואס ליגט אינטערן "קלארינעט" **זיין שייכות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א** | זיין סדר היום ל"ג בעומר

ל"ג בעומר תשפ"ד פראיעקט

קלעזמעריש



שטעטל נייעס
געכאפט די סקאם פון דעם גנב אין גראסערי
7

היכל הקודש נייעס
דער ראש ישיבה איז אפגעפאבן קיין מירון אויף ל"ג בעומר
9

אלץ און אלעמען
וואו איז די מאטריאל גלאז?
11

ל"ג בעומר פראיעקט
א שמועס מיטן קלארינעט שפילער מו"ה אברהם בלטי הי"ו
26

פאר די ברסלב'ע שטוב
ל"ג בעומר אין מירון
37

קינדער בלעטל
געדאווענט פאר א קאץ
45

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו
וזוגתו מייטא תחי'

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערצעצויגן

מו"ה יושע ראבינאוויטש הי"ו
וזוגתו שרה תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

זמנים Liberty

בהר י"ז אייר תשפ"ד

הדלקת נרות 08:03
מוצאי שבת 09:35

מנחה מעריב בחוקותי.... 09:20

וועטער

Fri 24	75°/50°		Partly Cloudy
Sat 25	73°/53°		Partly Cloudy
Sun 26	70°/52°		Partly Cloudy
Mon 27	66°/54°		Showers
Tue 28	65°/53°		Showers
Wed 29	65°/52°		Showers
Thu 30	68°/51°		Showers
Fri 31	71°/52°		AM Showers

גערענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן תכ"א

איינמאליגע גורל געלעגנהייט
דער
ראש ישיבה'ס
תיקון הכללי
אויף קלף
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם
דער גורל וועט פארקומען ערב ראש השנה הבעל"ט
רעזערווירט היינט אייער זכות אינעם גורל 347.578.4449
$1000
א זכות
אינעם גורל
פאר יעדער $250
באקומט איר נאך
א זכות אינעם גורל
dmcreatives.co

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

Insurance Solutions

When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

Licensed Insurance and Real Estate Broker

THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

- *Simcha Salz* -

OUR SERVICES

HOMEOWNERS

RENTERS

TRAVEL

BUSINESS

EMPLOYEE HEALTH

AUTO INSURANCE

CONTACT US:

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

אברהם משה שטראססער

מירון פארשפארט

די פייער די געפילן,
מוזיק אונטערשפילן,
געפילן עס גיסן,
ישועות עס פליסן,
אין הימל אויבן,
אזוי דערהויבן.

וואו זעט מען אזא מראה,
ווי אין הייליגן מערה,
אפילו א אלטן א קאלטן,
די בכיות הימלען שפאלטן.

אינדרויסן פון אלע קרייזן אידן,
צוזאמען טאנצן געהויבענע ריקודים.

עס ווייטאגט, עס ארט,
דאס בארג פארשפארט,
די לעצטע פאר יאר,
איז עס וואר...
אז דאס איז א לעסן,
דער צדיק אונז פארגעסן?

בלייב אין שטוב,
איך האב ענק נישט ליב.

אויסדרוקליך ניין!
עס איז פשוט דו זאלסט פארשטיין,
עס איז דא עפעס נאך מער טייער,
ווי די מערה, די טענץ, די פייער.

איך וויל דיך דערמאנען,
פיל טיפער איז פארהאנען,
איך האף די האסט פארשטאנען,
אז מיינע לימודים האסטו לאנג פארגעסן.

מיינע מימרות מיין שכל,
ווען דו ביסט נישט אין מיין היכל,
לאמיך דיר זען פראבירן,
מיינע לימודים פראקטאקצירן.

איך האב פארשפארט מיין טויער!
ווי האלסטו איז זוהר,
נאר פייער? געפילן? ניגונים?
ווי האלסטו אין תיקונים.

יא איך האב געלייגט דעם שומר,
ווייל איך וויל דיך זען נישט נאר ל"ג בעומר.

ווילסט קדושה שעפן,
איך גיי דיך נישט אוועקשלעפן,
אדרבה קום צו מיין קבר איך וועל דיר נאך עפענען,
אבער איך וויל דיך אויך א גאנץ יאר טרעפן,
מיין ספר איז אפען,
אה! דאס יאר האבן מיר זיך באמת געטראפן!

טאטע איך טו דיך שפירן,
פייערדיגע געפילן,
תפילות עס גיסן,
ישועות עס פליסן.
מיין תפילות אזוי דערהויבן,
אין די לופטן אין הימל אויבן.

איך טראכט פון דיר,
איך שפיר,
דו ביסט מיט מיר,
אויף יעדע ריר.

הננו איך בין גרייט,
א דאווענען פול מיט פרייד.

אוי! עס ווייטאגט עס ארט,
געפילן פארשפארט,
די לעצטע פאר יאר,
איז עס וואר,
איז דאס א לעסן,
דער אייבערשטער פון מיר פארגעסן?

בלייב אין שטוב,
איך האב דיך נישט ליב.

אויסדרוקליך ניין!
עס איז פשוט דו זאלסט פארשטיין,
עס איז דא עפעס נאך מער טייער,
פון דיינע געפילן פון דיין פייער.

איך וויל דיך דערמאנען,
פיל טיפער איז פארהאנען,
איך האף דו האסט פארשטאנען,
פשוט דאווענען האסטו פארגעסן.

טרוקענע ווערטער אן צו שפירן,
שפאלטן הימלען נאך סאך מער ווי מיט געפילן,
קענסט נאר ווען ס'גיסט ווען ס'שיינט?
לאמיר דיך זען קאלט, הארט, אזוי ווי די ביסט היינט.

ווער האט דיר פארפירט,
אז דו ביסט ווייט ווען די ביסט פארשמירט,
דיינע געפילן אויסגעלאשן,
דיין הארץ איז פארשלאסן.

איך האב פארשפארט געלייגט דעם שומר,
דו זאלסט געדענקען ביסט פשוט א קרוץ מחומר.

אין ווען די ביסט טיף און ווייט,
אלעס פארשפארט,
זאלסטו וויסן איך וַווארט,
זאלסט שרייען איין וָווארט.
טאטע איך וויל נאר דיר עס איז נישט קיין שפיל,
זע איך רעד צו דיר איך דאווען אפילו אן קיין געפיל.

הכנות צום גרויסן טאג ל"ג בעומר

הכנות אויף ל"ג בעומר אין שטעטל

ל"ג בעומר איז שוין אט אט דא, און ווי אלע אידישע געגענטער איבער די וועלט גרייט מען זיך דא אויך צו פראווען דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר מיט שמחה און פרייד, און שירות ותשבחות צום גרויסן הייליגן באשעפער אז ער האט געשיקט אזא תנא אלקי רבי שמעון, אונז צו מגלה זיין די הנאה וואס דער אייבערשטער האט פון יעדן איד באזונדער אויף דער וועלט.

היי יאר איז געווען געוויסע ספיקות איבערן ראש ישיבה'ס פארן קיין מירון - צוליב דעם וואס די גאנצע געגענט פון ציון ווערט אפיציעל אפגעשפארט פאר די טויזענטער משתתפים וואס קומען יאר יערליך - במילא האט דער ראש ישיבה געהאט פלענער צו פראווען א שיינעם ל"ג בעומר אין שטעטל, אנגעהויבן מיט'ן שבת פארדעם און דערנאך זונטאג בעצם יום ההילולא.

אבער למעשה האט דער אייבערשטער געפירט אז דער ראש ישיבה האט יא געקענט פארן, במילא וועלן אנשי שלומינו אין שטעטל פראווען דעם גרויסן טאג אזוי ווי יאר יערליך אנגעהויבן מיט א הדלקהביים חצר הבית המדרש אויף האשקי, ווי מען וועט אנצינדן דעם פייער און דערנאך טאנצן און שפרינגען מיטן גאנצן ברען. דערנאך וועט זיין אם ירצה השם צוגעשטעלט א געשמאקן סעודה אין בית המדרש ווי מען וועט זיך וואשן און הערן שיינע דיבורים לכבוד דעם גרויסן טאג.

די הדלקה וועט זיין אם ירצה השם זונטאג נאכמיטאג אום זיבן אזייגער, דערנאך וועט זיין די סעודה.

תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו

געכאפט ברוך השם די סקעם פון דעם גנב אין גראסערי

אפאר וואכן צוריק איז געווען אין די נייעס איבער א נייע סקעם וואס געוויסע חברה האבן געטון אין גראסעריס, אז זיי לייגן ארויף אויפן קרעדיט קארט מאשין א פלאסטיק שטיקל וואס זעט אויס פונקט ווי די עכטע קרעדיט קארד מאשין, די נאכגעמאכטע מאשין כאפט אויף די קארטלעך וואס מען סווייפט אויף דעם, און אזוי האבן זיי די אינפארמאציע דאס צו ניצן אין אנדערע פלעצער.

די ערשטע דאס צו כאפן איז געווען ביי א אידישע גראסערי אין לעיקוואוד, ווען צוויי גוים זענען געקומען צו באצאלן אפאר קליייניקייטן וואס זיי האבן געקויפט מיט א הונדערטער, איינער האט געגעבן דעם הונדערטער, און דער צווייטער האט אויסגעניצט די געלעגענהייט - בשעת מען האט געגעבן רעשטע - צו געבן א לייג ארויף דעם פלעסטיק שטיקל, דערנאך זענען זיי ארויס פון דארט און ויסעו...

דער אייבערשטער האט געפירט אז דער רעכענער האט אויפגעפאסט אז עפעס איז דא נישט גוט געווען מיט די צוויי חברה, מ'האט נאכגעקוקט די קעמרע וואס ליגט העכערן רעכענער, און מ'האט באמערקט אז אין דריי סקונדעס האט יענער געגעבן א לייג ארויף דעם שטיקל, אן דעם וואס איינער זאל אפילו באמערקן וואס ער טוט דא.

מ'האט שנעל איבערגעגעבן די אינפארמאציע פאר די פאליציי, זיי זאלן אויפזוכן די חברה און זיי כאפן, אזוי אויך האט מען ארומגעשיקט בילדער פון דעם פאר אלע געגענטער ווי עס געפונען זיך אידישע גראסעריס זיי זאלן זיין געווארנט איבער דעם.

און וואס מיינט עטץ? ביי אונז אין שטעטל האט דאס טאקע אויך פאסירט... ווי אלע האבן מיטגעהאלטן איז געווען אפאר חדשים צוריק א גניבה אויף פוד סטעמפס קארטלעך פון אנשי שלומינו ביי אונז אין שטעטל קרית ברסלב, מ'האט פרובירט צו דערגיין פון וואו דאס קומט אבער אן ערפאלג, מ'האט נישט געקענט דערגיין דעמאלט פון וואו די חברה האבן באקומען די אינפארמאציע.

אלע האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל צוריקבאקומען די געלט, ווי אויך אז מען זאל כאפן פון וואו די חברה האבן די אינפארמאציע.

ברוך השם אז אלע האבן צוריקבאקומען די געלט אויפן קארטל, נאכן אריינגעבן פאר די שטאט די סכום וואס מען האט פארלוירן פון זיי. ווי אויך האט מען אבער די מעשה איז נאכנישט געענדיגט... יעצט נאכן הערן וואס ס'האט פאסירט ביי דעם געשעפט אין לעיקוואוד האט זיך אונזער גראסערי אייגנטומער מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו געכאפט אז ער האט טאקע געהאט אזא סארט מעשה. איין טאג איז איינער פון די ארבעטערס געקומען פאַרציילן אז ער זעט דא א איבעריגע שטיקל אויפן מאשין און אז ער האט דאס אראפגענומען, קודם האט ר' משה יחיאל נישט פארשטאנען פארוואס ער צוברעכט אים דא די מאשין... אבער מ'האט געזען אז דאס איז א איבעריגע שטיקל האט מען דאס טאקע באזייטיגט, און דאס האט זיך די מעשה געענדיגט.

יעצט האט מען זיך געכאפט אז דאס איז טאקע געווען די מעשה מיט די אלע פוד סטעמפס קארטלעך וואס זענען באשווינדעלט געווארן אפאר חדשים צוריק, מ'האט ברוך השם געכאפט פון וואו דאס קומט, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען שוין וויסן צו זיין געווארנט אויף אזאנע סארט שווינדלעראציעס.

צוזאָגן אין מירון צו געבן דעם נאָמען שמעון, כּדי געהאָלפן צו ווערן??

שאלה

עס דערנענטערט זיך דער היילִיגער טאָג לַ"ג בָּעֹמֶר, און עס איז באַקאַנט אַ סְגוּלָה געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, אַז מען זאָל צוזאָגן בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ אין מירון צו געבן דעם נאָמען שִׁמְעוֹן פַאר'ן אינגל וואָס מען וועט האָבן.

שוין פַארגאַנגענע יאָר האָב איך דאָס געוואָלט טוּן, מיין ווייבּ האָט אָבער נישט מַסְכִּים געווען, זי שעמט זיך אַז מען זעט אַז מיר זענען געווען אַז אין לַחַץ געהאָלפן צו ווערן. איינער האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל נאָר צוזאָגן צו מאַכן די חַאלַאקֶע אין מירון, אָבער עס איז שוין אַריבער אַ יאָר און מיר זענען נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן.

יעצט בין איך נאָך מער באַזאָרגט, נאָכדעם וואָס מיינע יוּנגערע געשְׁוִויסְטֶער האָבן חֲתוּנָה און אֶפְשָׁר ווֶעלן זיי האָבן קינדער פַאר אונז.

זאָל איך נאָכאַמאָל אַרויפברענגען דעם געדאַנק צו טוּן די סְגוּלָה אָדער נישט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד .. נֵרוֹ יָאִיר

איך האָבּ ערהאַלטן דיין בְּרִיוו.

צְוֵויי זאַכן דאַרפסטוּ וויסן; איינס, **האָבן קינדער איז נישט קיין פַארמעסט.** אַז אַ יוּנגערער אין די מִשְׁפָּחָה האָט ערשט קינדער, אָדער מער קינדער - איז דאָס נישט אַ צָרָה און נישט קיין פַארמעסט; קינדער איז אַ מַתָּנָה פוּנעם אייבערשטן און עס איז נאַריש צו האַלטן חֶשְׁבּוֹן ווען מען האָט, ווער עס האָט ערשט, וויפיל קינדער מען האָט און ווער עס האָט מער קינדער; מען דאַרף בעטן דעם אייבערשטן און וואַרטן מיט געדולד ביז די יְשׁוּעָה קומט.

צְוֵוייטנס, **מען קען פּוֹעֵל'ן בַּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי קינדער אֲפִילוּ מען זאָגט נישט צוּ אַז מען וועט געבן אַ נאָמען שִׁמְעוֹן.** בִּפְרָט ווען עס איז נוֹגֵעַ אין דיין שְׁלוֹם בַּיִת, דיין ווייבּ וויל נישט געבן שִׁמְעוֹן, זי שעמט זיך וְכוּ' - איז דאָך זיכער אַז דו זאָלסט ענדערש זיך מְקַבֵּל זיין לַ"ג בָּעֹמֶר אין מירון אַז דו וועסט לעבן בְּשָׁלוֹם מיט איר, דו וועסט מְכַבֵּד זיין דיין ווייבּ און זיך נישט קריגן; וועסטו מיט דעם פּוֹעֵל'ן קינדער.

די הייליגע חֲכָמִים דערציילן פוּנעם תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לא), אַ פּאַרפּאָלק זענען געקומען צוּם הייליגן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זיי ווילן זיך גט'ן, היות עס איז שוין איבער צען יאָר וואָס זיי האָבן חֲתוּנָה געהאַט און זיי זענען נאָכנישט נִפְקַד געוואָרן מיט קינדער. האָט זיי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי געזאָגט זיי זאָלן מאַכן אַ סְעוּדָה פאַר זיי גט'ן זיך. בִּשְׁעַת די סְעוּדָה, ווען דער מאַן איז שוין געווען גוּט בַּגְלוּפִּין פון אַפּאָר גלעזלעך וויין, האָט ער צוגערוּפן זיין ווייבּ און איר געזאָגט: "הֱיוֹת מיר האָבן געהאַט שיינע יאָרן צוזאַמען און יעצט גייען מיר זיך גט'ן, וויל איך דיר געבן עפּעס אַ טייערע זאַך פון מיין פאַרמעגן, קְלויבּ זיך אויס אַ טייערע חֵפֶץ פאַר דיר און אַזוי ווֶעלן מיר זיך צעשיידן", האָט זי אים געבעטן ער זאָל איר געבן אַבּיסל צייט צו טראַכטן.

דער מאַן האָט ווייטער געטרינקען וויין, ביז ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד טויט שִׁיכּוֹר און איז איינגעשלאָפן. האָט די פְרוֹי געבעטן די מְשָׁרְתִים זיי זאָלן אים אַריינלייגן אין בעט און אים ברענגען צו אירע עלטערן אין שטוּבּ, צוּמאָרגנס ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט און זיך אַרוּמגעקוקט וואו ער איז - האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ גייט פאָר, האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין און אים געזאָגט די ווערטער: "בִּשְׁעַת מיר האָבן געמאַכט די סְעוּדָה האָסטוּ מיר געזאָגט אַז איך קען זיך אויסוועלן אַ גוּטע חֵפֶץ פון דיין פאַרמעגן; **איך האָבּ נישט קיין בעסערע זאַך אויף די וועלט ווי דיר, דו ביסט מיין בעסטע זאַך!"**

זענען זיי געגאַנגען צו רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי און אים דערציילט די גאַנצע מַעֲשֶׂה, האָט רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זיי געזאָגט: **"אויבּ זי האָט דיר אַזוי ליבּ און זי וויל זיך נישט צעטיילן פון דיר, זאָג איך אייך צו אַז איבער אַ יאָר וועט איר האָבן אַ קינד"**, און אַזוי איז טאַקע געווען, זיי האָבן זוֹכֶה געווען צו קינדער; אַלעס נאָר צוליבּ דאָס ליבשאַפט און שָׁלוֹם וואָס איז געווען צווישן זיי.

דאַרפסט נישט וואַרטן אויף לַ"ג בָּעֹמֶר זיך דאָס צו מְקַבֵּל זיין, זיי זיך שוין מְקַבֵּל צו מְכַבֵּד זיין דיין ווייבּ און איר נישט וויי טוּן, און בעט דעם אייבערשטן פאַר קינדער - וועט איר זוֹכֶה זיין צו זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא.

דער אייבערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.

היכל הקודש נייעס

ארץ ישראל

דער ראש ישיבה איז אפגעפארן קיין מירון בשעה טובה ומצלחת

מיט גרויס פרייד הערט מען די גוטע בשורה אז דער ראש ישיבה איז אפגעפארן קיין ארץ ישראל צו זיין אין מירון לכבוד די הילולא פון התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי.

מאנטאג גלייך ביים אנקומען איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן אונזערע מוסדות אין בני ברק, גערעדט צו די חשובע קינדער, און דערנאך אויך געגעבן א שיעור פאר אנשי שלומינו אין היכל הקודש בני ברק.

ווי מען הערט וועט דער ראש ישיבה ווייל אין שטאט מירון ביז נאך ל"ג בעומר. דער ראש ישיבה האט געלאזט וויסן פארן מגיד שיעור פון ישיבת היכל הקודש ירושלים מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו אז ער וויל ביי דעם באזוך פארברענגען און מדריך זיין די חשובע בחורים. לכבוד דעם זענען די בחורים אריבערגעקומען קיין מירון, וואו זיי וועלן פארברענגען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א פאר אפאר טעג, און דער ראש ישיבה וועט האבן די געלעגנהייט זיי צו געבן שיעורים וויאזוי זיך צו פירן און האבן א גוט לעבן מיט'ן אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

נאך ל"ג בעומר וועט דער ראש ישיבה באזוכן אין שטאט טבריה ווי ער וועט באזוכן די מוסדות.

מאנטאג נאך ל"ג בעומר וועט דער ראש ישיבה ווייל אין ירושלים, דאווענען אין היכל הקודש ירושלים, און דערנאך באזוכן די מוסדות.

מען בעט אלע חשובע אנשי שלומינו פון ארץ ישראל נישט צו מיטקומען בשעת דער ראש ישיבה פארברענגט מיט די תלמידים פון ישיבה, אזוי אויך בשעת מען באזוכט אין די מוסדות, וואס דעמאלט איז די צייט וואס דער ראש ישיבה וויל זיך אפגעבן ספעציעל מיט די טייערע קינדער פון די מוסדות, און דאס אז מען קומט מיט, שטערט זייער שטארק פארן ראש ישיבה צו קענען רעדן צו די קינדער און זיך אפגעבן מיט זיי.

דער ראש ישיבה וועט אם ירצה השם געבן שיעורים אין בית המדרש, וואס דעמאלט וועט זיין געווידמעט פאר אלע אנשי שלומינו צו מיטהאלטן און הערן דיבורי התחזקות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

עס איז נאכאמאל וויכטיג צו דערמאנען אז מען קען זיך מקשר זיין מיט רבי שמעון פון איבער די גאנצע וועלט, דורכ'ן לערנען די הייליגע זוהר, און בשעת'ן לערנען קען מען בעטן וואס מען דארף און אזוי פועלן אלעס גוטס.

לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי

גרשון קרעמער

איראנער פרעזידענט געשטארבן אין א העליקאפטער קראך

פארגאנגענעם זונטאג איז אריבערגעקומען די נייעס איבערן אומקום פונעם איראנער פרעזידענט איבראהים ראַאיסי ימח שמו (63 יאר אלט), צוזאמען מיטן אויסערן מיניסטער און נאך אנדערע הויכע באאמטע, נאכדעם וואס זיין העליקאפטער האט אראפגעקראכט ביים אדורכפארן א שווערן נעפל.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען א דעלעגאציע פון די איראנע העכסטע ראנגיגע רעגירונגס פירער האבן זיך ארויסגעלאזט צו א רייזע צום דערנעבנדיגע אוזבעקיסטאן, ווען זיי זענען געכאפט געווארן אינעם בערגיגן ראיאן אין א שווערע וועטער אין וואס מען האט פארלוירן קאנטאקט מיטן דעלעגאציע.

אנפאנג בשעת מען האט געהערט אז די העליקאפטער האט געקראכט איז ארומגעפארן פילע שמועות איבער די סיטואציע, עס זענען דא וואס האבן גלייך געוואלט באשטעטיגן אז דער פרעזידענט איז אומגעקומען אין א קראך, אנדערע האבן גאר געוואלט צולייגן אז עטליכע זוך העליקאפטער זענען אויך פארכאפט געווארן אין די שווערע וועטער.

בשעת די איראנער רעגירונג איז אליינס געווען צומישט און האט נישט געוויסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן, האבן זיי אבער שטרענג אנגעווארענט זייערע בירגער איבער ארויסגעבן "מיסאינפארמאציע" (אין געווענליכע פעלער מיינט דאס פאלשע אינפארמאציע, אבער אין דעם פאל מיינט דאס אינפארמאציע וואס עס שמעקט זיי נישט....).

בשעת מיר לאזן די איראנער זיך ספראווען מיט זייערע גאר ערנסטע דאגות איבער דעם אומקום פון זייער פירער, קענען מיר אבער אריינטראכטן וואס מיינט דאס "אמת'ע אינפארמאציע" און וואס מיינט "שקר"; מאנכע וועלן שרייען אז נאר זייער מנהיג און בלויז זייער דרך איז דער אמת, און אז די גאנצע וועלט מוז זיך איבערדרייען און ווערן ווי זיי.

די איראנער שרייען דאס שוין יארן. אלע וואס ווילן נישט מיטגיין מיט זייער גלויבן, און אננעמען זייער נביא שקר, איז מחויב מיתה בידי אדם. צי דורך סקילה, שריפה הרג אדער חנק, נישט קיין חילוק, אַלא אכבאר, און אלע וואס גלויבן אנדערש זענען כופרים און אפיקורסים.

וואס טוט זיך ביי אונז? מיר זענען דען בעסער? מוהרא"ש פלעגט זאגן אז איין זאך איז קלאר אמת, אמת איז נוטריקון "אהי' מת" איין טאג וועלן מיר דארפן איבערלאזן די וועלט און געבן א דין וחשבון פאר'ן באשעפער וואס מיר האבן געטון אין אונזער לעבן. און אויב לעב איך מיט דעם, איך רעד פון באשעפער, און טראכט פון באשעפער, און טו תשובה צום באשעפער, איז נישט קיין חילוק צי איך בין פון אשכנזישער אפשטאם, צו ספרדישע אפשטאם, תימן אדער בוכארע, בין איך ביים אמת.

אויב ביים ליטווישן ראש ישיבה לערן איך תורה, און דאווען צום באשעפער בין איך ביים אמת, אויב בין איך אין פראנקרייך און דארט לעבן איך מיטן באשעפער בין איך אין גוטע הענט.

דער הייליגער רבי קומט נישט אוועק נעמען א מענטש פון זיין חסידות אדער קרייז, דער רבי נעמט בלויז דעם מענטש און דערמאנט אים ער זאל טון די אלע גוטע זאכן, זיין מסורה און מנהגים, זיינע ניגונים און נוסחאות, און עס טון מיט א שמחה של מצוה, און זיך קאנעקטן צום באשעפער. ווייל איבעראל ווי מען דינט דעם באשעפער, איז דארט די אמת.

כן יאבדו כל אויביך ה'

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com

וואס איז גלאז? איז עס די זעלבע ווי כלי זכוכית פון חז"ל?

שאלה: וואס איז גלאז און וויאזוי מאכט מען עס? איז גלאז די זעלבע ווי "כלי זכוכית" וואס ווערט דערמאנט אין חז"ל, אדער די היינטיגע גלאז איז עפעס אנדערש?

גלאז היינט איז נישט קיין סאך אנדערש ווי די "כלי זכוכית" וואס ווערט געברענגט אין חז"ל. פארשטייט זיך אז אין די פראצעדור וויאזוי פראדוצירן גלאז אין מאסן שטאב איז דורכגעגאנגען גרויסע שינויים, אנדערש ווען אין צייטן פון חז"ל ווען עס איז געמאכט געווארן ביים "אומן" דער פאכמאן אינדערהיים, וויפיל ער האט געקענט.

די הויפט באשטאנדטיילן זענען "זאמד", אדער ווי עס ווערט גערופן אין חז"ל "חול" אדער "חול המדבר", וואס מען פלעגט ברענגען פון די מדבר'דיגע געגענטער אדער פון די ים ברעגעס, און דערנאך האט מען גענוצט א געוויסע "אֵש", אין די גמרא שפראך הייסט עס "נתר", וואס מען האט באקומען דורך פארברענען געוויסע סארטן געוויקסן, און דערנאך קומט "ליים", וואס די גמרא רופט עס "סיד", וואס דאס פלעגט מען אויסהאקן פון צווישן די שטיינער.

דערנאך האט מען גענומען די אויבנדערמאנטע מאטעריאלן יעדע איינע אין א באשטימטע מאס, און מען האט עס אריינגעלייגט אין א קאלך אויוון, ווי עס איז געווארן אנגעהייצט גאר שטארק (איבער 1,700 גראד סעלציוס / איבער 3,000 פערנהייט) ביז איז געווארן צולאזט, צו א ברענעדיג הייסע פליסיגע גלאז.

דערנאך האט מען גענוצט פארשידענע כלים צו מאכן די פארשידענארטיגע פארמען פון פלעשער, אדער פענסטער און אזוי ווייטער. און נאכן אויספארמען האט מען עס געדארפט לאזן זייער פאמעליך נידערן דעם טעמפעראטור, כדי די פארם זאל בלייבן שיין און זיך נישט שפאלטן דורכאויס די צייט.

אין כל חדש תחת השמש, דער אייבערשטער פירט שוין זיין וועלט כמעט זעקסט טויזענט יאר, אויף א וועג וואס מיר קענען נישט פארשטיין און באגרייפן, און אלץ וועלן קומען איבער חכמים און ווינען אויפן ביטערן מצב הדור. אנגעהויבן פון די צייטן פון אברהם אבינו, משה רבינו, און אזוי ווייטער די שופטים, נביאים, מלכים, תנאים, אמוראים, גאונים, ראשונים און אחרונים, וועלן זיי זאגן אז ביז יעצט איז געווען אזוי פיין, אבער היינט איז ביטער, די וועלט ווערט חרוב. דער רבי זאגט אבער אז עס איז נישט אזוי, "דער אייבערשטער פירט זיין וועלט אלץ שענער און שענער", דאס איז געזאגט געווארן בגשמיות, ווען אמאל האבן זיך נאר גאר רייכע מענטשן געקענט ערלויבן א גלאזענע בעכער אדער פלאש, און ווער רעדט נאך פון א גלאזענע פענסטער וואס נאר קעניגן האבן זיך געקענט ערלויבן, פארמאגט היינט דער גרעסטער ארימאן גלאזענע כלים פאר עטליכע פרוטות. און די זעלבע זאך ברוחניות, אין די פריערדיגע דורות האבן זיך נאר גאר רייכע מענטשן געקענט ערלויבן אן אייגענע סידור אדער א משניות, ווער רעדט נאך פון א גמרא, דאס איז געווען איינס אין בית המדרש וואס האט געהערט פאר גאנץ קהל צוזאמען. בשעת היינט קען מען קויפן די שענסטע סעט גמרא פאר ביליגער ווי א נייע טעלעפאן.

עס איז טאקע א שווערע דור די כחות הטומאה זענען זייער שטארק, אבער לעומת זה האט דער אייבערשטער אראפ געשיקט די צדיקים פון אלע דורות ביז היינט וואס האבן געגעבן עצות און וועגן איבערצוקומען די אלע נסיונות. אז א מענטש לערנט יעדן טאג די הייליגע תורה, און לערנט די ספרים פון צדיקים, קען מען אריבערגיין די אלע שטורמישע ווינטן, און ארויסגיין א זיגער קעגן דעם סמ"ך מ"ם וחיילותיו

געדאנקען

משה ארי' שניצלער

לערנען גמרא ביינאכט



א גוט מארגן אלע וואילע גרויסע זיסע געשמאקע צוקערדיגע טשאקלעדיגע קינדערלעך פון פלעיגרופ "שושנת יעקב צהלה ושמחה בראותם יחד תכלת מרדכי".

גוט מארגן משה'לע יאנקעלע דודעלע גד'עלע חיים'ל אפרים'ל פישי מישי זישי חילי זרילי שמילי שימעלע זימעלע הערשי מוישי שימשי.

אלע וואילע גרויסע קינדער הענגען אויף די דזשעקעט אויף א הוק ביי די וואנט נעבן די גרויסע געלע סמיילי.

הערשי הצדיק א גרויסע וואילע אינגל קען נישט זיין מיט א צומי אין די מויל דא אין אונזער גרויסע-אינגל-פלעיגרופ. מ'לייגט די צומי אין די רעכטע טאש פון די דזשעקעט. קליינע בעיביס האבן א צומי אין זייער פלעיגרופ אבער הערשי איז שוין זייער זייער גרויס, פארדעם גייט ער נישט האבן א צומי דא אין פלעיגרופ "שושנת יעקב צהלה ושמחה בראותם יחד תכלת מרדכי".

אלע וואילע גרויסע זיסע געשמאקע צוקערדיגע טשאקלעדיגע קינדערלעך פון פלעיגרופ "שושנת יעקב צהלה ושמחה בראותם יחד תכלת מרדכי" גייען יעצט לייגן א פעני אין די פושקע און מ'גייט בעטן די אייבישטער אז אלע גרויסע בחורים און מיידלעך זאלן שוין ווערן א חתן און א כלה, און אלע קראנקע אידן זאלן זיין געזונט.

וועלכע אינגל ס'וויל פארציילן א פרייליכע מעשה אז איינער פון זייער משפחה איז געווארן א חתן אדער א כלה קען עס יעצט פארציילן. ס'מעג אויך זיין א מעשה פון לאנג לאנג צוריק, אויך אויב איינער אין זייער משפחה האט געבוירן א בעיבי.

היינט גייט מען שוין אנהייבן אין א מזל'דיגע שעה צו זינגען די שיינע הערליכע ל"ג בעומר ניגון.

וועלכע אינגל ס'זינגט שיין, באקומט א פינטל אויף די בלעק בארד, און נאכדעם גייט מען געבן א טיקעט פאר יעדע פינטל פון די בלעק בארד, די טיקעטס וועט מען קענען נוצן אין די סטאר וואס פלעיגרופ שושנת יעקב צהלה ושמחה בראותם יחד תכלת מרדכי מאכט יעדע ראש חודש ביי די "מתנות פראגראם" נאך לאנטש.

ווער קען שוין די ניגון? - - רבי שמעון בר יוחאי האט א צרה געטראפן, די רוימ'ער האבן אים געוואלט כאפן און ער איז אנטלאפן, היינט איז דאך ל"ג בעומר קינדער צו ווייסט איר וואס דאס מיינט, די יארצייט פון די הייליגע תנא איז דאך היינט, וועלכע תנא, א תלמיד פון רבי עקיבא, רבי שמעון בר יוחאי, וועלכע תנא א תלמיד פון רבי עקיבא רבי שמעון בר יוחאי.

א נס איז אים געשען ס'איז געוואקסן א בוים מיט באקסער, דער אייבערשטער האט אויך געמאכט פאר אים א קוואל וואסער, דרייצן יאר אין א מערה האט ער פארבראכט, געלערנט די הייליגע תורה בייטאג און ביינאכט, אין מירון, ליגט רבי שמעון, רבי שמעון בר יוחאי, אין מירון, ליגט רבי שמעון, רבי שמעון בר יוחאי.

שוין שוין! לאמיר לייגן פלעיגרופ "שושנת יעקב צהלה ושמחה בראותם יחד תכלת מרדכי" אין א זייט.

אבער איך בין נישט זיכער אז מ'דארף עס טאקע לייגן אין א זייט.

וואס רעדט מען אין פלעיגרופ?

דער ראש ישיבה זאגט אז אין אסאך

מאנכע מענטשן ווערן נעבעך באליידיגט אז מ'רעדט צו ווייניג פון השתדלות, און צו סאך פון דעם אייבערשטן.

פלעצער רעדט מען נאר מיט קליינע קינדער פון דעם אייבערשטן, און ווען מ'ווערט גרעסער און מ'שטויסט זיך אין לומדות, און מ'לערנט דריי בלאט א יאר טיף טיף טיף, רעדט מען נישט אזוי סאך פון דעם אייבערשטן, מ'קוקט אויף אמונה מיט א שטיקל זלזול, כאלו ס'וואלט געווען עפעס א יאנטשי' topic. מאנכע מענטשן מיינען אז ס'איז יאנטשי' צו זאגן א גאנצן טאג "דער אייבערשטער וועט העלפן, דער אייבערשטער וועט העלפן". מאנכע מענטשן ווערן נעבעך באליידיגט אז מ'רעדט צו ווייניג פון השתדלות און צו סאך פון דעם אייבערשטן.

וואס קענען מיר אלע ארויסנעמען פון די קינדערגארטן ל"ג בעומר ניגון?

דו ביסט אין א הייל? דו פילסט זיך אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט? דו ביסט איינגעזונקען אין א טיפע בלאטע? דו ביסט אין א פינצטערניש? די רוימער האבן דיך פארכאפט? דער יצר הרע האט דיך פארכאפט? דער יצר הרע האט דיר טמא געמאכט די אויגעלעך?

פלעיגרופ היכל הקודש אין קרית יואל שנת תשע"ה

לערן תורה בייטאג און ביינאכט.

וואס מיינט לערנען תורה בייטאג און ביינאכט?

איך לערן תורה סיי ווען ס'איז גוט און סיי ווען ס'איז מיט'ן פוטער אראפ. דאס מיינט בייטאג און ביינאכט. סיי ווען ס'איז טונקל, סיי ווען ס'איז לעכטיג.

מיט דעם טייטשט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו דעם מאמר חז"ל, במחשכים הושיבני זה תלמוד בבלי, אויב ס'איז דיר פינסטער, לויף צו די גמרא וועט דיר ווערן לעכטיג, זאג א דף גמרא וועסטו פילן ווי דו זיצט אין גן עדן מיט אלע צדיקים און זיי באשיצן דיך.

דער הייליגער רבי האט א גאנצן שמועס פון לערנען תורה ביינאכט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ג'). דער רבי זאגט אז ווער ס'הערט זינגען פון א רשע איז אים שווער אין עבודת השם, און דער תיקון אויף דעם איז צו לערנען גמרא ביינאכט. האב איך געהערט מוהרא"ש פארלערנען די תורה, האט ער געזאגט אז לערנען ביינאכט מיינט לערנען אפילו ווען מיין לעבן איז פארטונקלט, אלעס גייט מיר פארקערט, אויב מ'לערנט גמרא אין יעדן מצב קען מען אלעס פאררעכטן. מוהרא"ש איז מסביר אז דער רבי זאגט אין די תורה אז די זאך פון זאגן איז די עכטע לשמה, ער קען דאס נישט איינקעשן נאר ביים אייבערשטן אליין, אלע לאכן פון אים. נאר דער אייבערשטער אליין זעט די הארץ, אז ער וויל פארשטיין די תורה אבער יעצט איז ער אין א געדרוקטע מצב, קוים וואס ער קען אויפמאכן א גמרא בכלל, נאר אין הימל האלט מען דאס טייער. אין הימל קוקט מען אויף די גוטע רצונות פון דעם מענטש, דער אייבערשטער זעט אז ער וויל זיין גוט.

יעצט שעמט מען זיך צו גיין אין אמעריקע מיט א שטריימל, איך וועל מאכן מ'זאל זיך שעמען צו גיין אן א שטריימל.

די קומענדיגע יארצייט, א טאג נאך רבי שמעון בר יוחאי, איז דער הייליגער רבי מענדעלע רימנוב'ער זכותו יגן עלינו.

עס איז באוואוסט אז רבי מענדעלע רימנוב'ער האט זיך פארלייגט אויף די ענין פון לבוש, מ'זאל גיין אנגעטון מיט די ערליכע לבוש.

אויך האט ער אסאך עוסק געווען אין פועל'ן אין הימל אז אידן זאלן האבן פרנסה בריות.

מ'זעט ווען רבינו הקדוש מ'סאטמאר האט איבערגעפלאנצט די פשרה'לאזע אויטענטישע אידישקייט על אדמת אמעריקע, בארץ לא זרועה, האט ער זיך פארלייגט איף די לבוש פון דעם שטריימל. ער האט עס געפאדערט און געבעטן ביז ער האט געמאכט א מהפיכה. עס איז מקוים געווארן די רוח הקודש וואס דער רבי פלעגט צו זאגן: "יעצט שעמט מען זיך צו גיין אין אמעריקע מיט א שטריימל, איך וועל מאכן מ'זאל זיך שעמען צו גיין אן א שטריימל". און פארשטייט זיך אז אלע וואס האבן אים געפאלגט האבן מצליח געווען בגשמיות וברוחניות.

פלעיגרופ היכל הקודש אין קרית יואל שנת תשע"ה

ס'איז אינטערעסאנט אז ביי די צוויי צדיקים איז געגאנגען צוזאמען די זאך פון אפהיטן דעם לבוש מיט'ן משפיע זיין שפע רַב. יעדער ווייסט דאך וואס דער רבי פלעגט צו זאגן, די גאס וויל נישט געבן געלט פאר סאטמאר, וועל איך מאכן אייגענע עשירים. און מ'זעט אז דבר אחד מדבריו הקדושים לא נפל ארצה, פון די גאנצע וועלט קומט מען קיין סאטמאר צאמנעמען צדקה, ווייל די צדקה וואס מ'געבט אין סאטמאר איז א יחיד במינו.

בנוגע דעם לבוש השטריימל איז דא א הערליכע מעשה מיט איינער פון די חשוב'ע תלמידים פון רבי'ן.

הרה"ח רבי חיים הערש שטערן זכרונו לברכה, איז געווען א זון פון הרה"ג אב"ד גבעת שאול זכרונו לברכה, דער גבעת שאול'ער רב איז געווען פון די ערשטע תלמידים פון רבי'ן, דעם רבינ'ס ישיבה האט זיך אנגעהויבן אין יאר תרס"ה, ווען דער רבי האט געוואוינט אין שטאט סאטמאר אלס א אינגער איינגערמאן נאך די חתונה, (דער רבי האט חתונה געהאט שבט תרס"ד, געציילטע טעג פאר זיין טאטע, דער קדושת יום טוב זכותו יגן עלינו איז נפטר געווארן).

די ישיבה האט זיך קודם געעפנט מיט צוויי בחורים, די ברודערס, ר' אליעזר און ר' לייבעלע פאשקעס, זכרונם לברכה, הי"ד. דערנאך ווען ס'האט זיך פארגרעסערט צו זיבן בחורים איז דער גבעת שאול'ער רב געווען פון די ערשטע זיבן.

ווען ס'איז געקומען צום דאווענען פרייטאג צו נאכטס, די שבת איפרוף פון ר' חיים הערש, ווי נאר דער רבי זעט אים געבט ער אים א פרעג: "וואס איז מיט א שטריימל?" זאגט ר' חיים הערש אז זיין שווער האט אים נישט געקויפט א שטריימל, זאגט דער רבי: "אז דער שווער קויפט נישט, קויפט מען זיך אליין". (דער שווער פון ר' חיים הערש, הרב

> **ער האט בכלל נישט געווארט אויף נאך שבת, שוין צומארגנס שבת אינדערפרי איז ער געקומען אין שול מיט א געבארגטע שטריימל. דאס מיינט אמונת צדיקים.**

החסיד המפורסם ר' מרדכי שכנא זירקינד זכרונו לברכה איז געווען א באוואוסטער דערהויבענער חב"ד'סקער חסיד פון פריערדיגן דור).

די חידוש פון ר' חיים הערש ע"ה איז געווען אז ער האט בכלל נישט געווארט אויף נאך שבת, שוין צומארגנס שבת אינדערפרי איז ער געקומען אין שול מיט א געבארגטע שטריימל. דאס מיינט אמונת צדיקים, דאס מיינט לעבן מיט א צדיק, אטעמען מיט א צדיק. און אזוי קען מען אויפשטעלן ערליכע דורות לשם ולתפארת. אז א צדיק זאגט א ווארט, טוט מען עס זאפארט.

די זאך אז צדיקים זענען משפיע פרנסה דאס איז נישט נאר אין די פארגאנגענהייט. דער רבי זאגט אין ספר המידות, בזכות הצדיק תלמידיו מתפרנסים. די זאך אז דורך א צדיק ווערט נשפע א ברייטע לעבן פאר די וואס קלאמערן זיך צו גיין אין די וועגן וואס דער צדיק לערנט, האט זיך נישט געענדיגט, עס איז חי וקיים, יעדער קען נעמען עדווענטעדזש.

אז דער רבי זאגט אין שיחה ע"ו אין צריכין בלימוד רק האמירה, מיינט עס אז יעדער וואס טוט עס איז דעם רבינ'ס תלמיד, און וועט אודאי האבן פרנסה בריוח, אזוי ווי מוהרא"ש פלעגט זאגן "**משנה איז בגימטריא פרנסה**" - אלע וואס זאגן משניות האבן ברייט פרנסה, איר זענט געלאדנט עס אויסצופרובירן.

איר וועט זיין סורפרייזד אז אייער גאנצער פינאנציעלער צושטאנד האט זיך פארבעסערט. אלע וואס זאגן א פרק משניות יעדן טאג, לעבן א ברייטע באקוועמע געשמאקע לעבן.

מעשיות פון תפילה

אשר אנשיל ראזנער

מאנס

איך האב געקויפט א קאר א יאר צוריק, נאך א שטיק צייט איז די פאוער טראנק (וואס מאכט אז די טראנק זאל זיך עפענען מיט א קנעפל) געווארן צובראכן און זיי האבן געזאגט אז די וואראנטי קאווערד עס, אבער דער מעקאניק האט געזאגט אז עס גייט נישט זיין געקאווערד. רוף איך צוריק דעם פארקויפער, זאגט ער מיר אז ער וועט עס קויפן פאר מיר, ער קען עס מסדר זיין עס זאל זיין באצאלט דורך די וואראנטי. ער האט עס געקויפט פאר מיר און געשיקט צום מעקאניק.

וויסנדיג אז דער מעקאניק האט עס און ער גייט עס אינסטאלירן פאר מיר, האב איך מיר אריינגעזעצט אינעם קאר ערב שבת און צוגעפארן צו אים כדי ער זאל עס קענען אינסטאלירן.

איך קום אן אהין, זאגט ער מיר: איינער איז יעצט דא געוועזן און געהאט ממש דעם פראבלעם וואס דו האסט, איך האב מיך נישט געכאפט און איך האב געניצט דעם שטיקל פאר יענעם...

אזוי האב איך מיר געטראפן ערב שבת נאכן פארברענען אפאר שעה און גארנישט באקומען, אבער דאס האט יא אויפגעטון אז יעצט האב איך שוין געזען אז אן תפילה גייט גארנישט. קענסט האבן א וואראנטי קענסט אלעס האבן, אבער אז ס'פעלט אפאר תפילות וועסטו עס נישט האבן.

זעט אויס אז דער אנדערער האט יא געבעטן דעם אייבערשטן, במילא האט ער עס באקומען אין צייט, איך וועל אבער פון יעצט וויסן צו בעטן דעם אייבערשטן, אזוי וועל איך דאס אויך באקומען.

יצחק אייזיק ראזענבוים

קרית יואל

איך האב זייער שטארק געוואלט גיין צום ציון פון סאטמאר רבי ה' אייר, בעטן דעם אייבערשטן פאר כלל ישראל אז אלע זאל וויסן פונעם אייבערשטן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג אהין, פלוצלינג געט איינער א שריי ארויס פון די פענסטער "יצחק וואס מאכסטו", דאס איז געווען א גוטער חבר פון אנשי שלומינו, און ברוך השם ער האט גערן מסכים געווען מיר אהינצוטראגן.

2. איך האב געדארפט צופארן צו א שמחה. איך זעץ מיך אריין אין קאר, איך פראביר אנצינדן דעם קאר אבער עס צינד זיך נישט אן, באשעפער זיסער וואס גייט דא פאר?

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף עס זאל זיך אנצינדן, איך וויל צוגיין צום שמחה און דערנאך גיין זיך אויסרוען פארן קומענדיג טאג".

איך האב גערופן "חברים" און שכח אייבערשטער אז זיי האבן דאס געקענט פאררעכטן גאנץ שנעל און גרינג, אזוי אז מען האט רואיג געקענט צוגיין צום שמחה און נאך אנקומען אין צייט. און אויך אז איך האב נישט געדארפט גיין צו קיין מעקאניק און צאלן אסאך געלט דאס צו פאררעכטן.

מנשה איצקאוויטש

באראַ פארק

1. ברוך השם אז מען קען העלפן דעם רבי'ן מיט'ן אהערשטלן דעם בית המדרש היכל הקודש באראַ פארק. פאראגאנגענעם זונטאג אמור האט געדארפט קומען א קאמפאני לייגן די פלארס אבער זיי זענען נישט אנגעקומען, וואס טוט מען דא? אז דאס שטיפט זיך אפ ווערט אלעס אפגעשטיפט, און מען דארף האבן פארטיג דעם בית המדרש אויף דאנערשטאג פארן די ליל ששי שיעור.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן נאך היינט אנקומען און אינסטלירן די טיילס. ברוך השם ניין ביינאכט זענען זיי אנגעקומען, און ארויפגעלייגט די פלאר.

יואל משה פליישמאן

קרית ברסלב

איין שבת האט מיין זיבן יעריגער אינגל געזאגט אז עפעס קראצט אים, מען האט געגעבן א קוק אויף די האר און מען זעט דארט א טיק, מיר האבן גלייך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל ארויסגיין אבער עס איז נישט געגאנגען.

ביז ס'איז בייגעפאלן אז מען קען צוגיין צו די גאראדזש פון די גויאישע EMS וואס איז נעבן מיין שטוב, אפשר איז איינער דארט צו העלפן. מיר זענען אהינגעגאנגען און גערן ארויסגענומען דעם טיק אן קיין פראבלעמען. שפעטער האט מיר איינער געזאגט אז דאס מאכט זיך נישט אפט אז זיי זאלן מסכים זיין צו העלפן דארט אויפן פלאץ. שכח אייבערשטער

א מעשה
פון א צדיק

יוּדָא'לֶע פון אוּמַאן
חלק ב'

פארזעצונג פון פריער: יוּדָא'לֶע פְלֶעגְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְצוּהַאלְטְן צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אֵיין טָאג אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז פוּן דֶעם רָב וָואס הָאט קוּים גֶעהַאלְטְן אִידִישְׁקֵייט, מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין, מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּן אַלֶעם גוּטְן, פִישׁ, פְלֵייש, אוּן אַלֶע מִינֵי עֶסְן וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעזֶען.

יעצט ליינט ווייטער:

אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט גֵיין צוּ דֶעם הוֹיז פוּן דֶעם נִישְׁט עֶרְלִיכְן רָב אוּן עֶסְן דָארְט.

וֶוען דִי עֶרְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ דֶערְוואוּסְט דֶערְפוּן אַז עֶר גֵייט עֶסְן דָארְט פוּן מָאל צוּמָאל, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט "פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַהִין? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ אוּן דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר? גֵיי נִישְׁט דָארְט, זֵיי גֵייעֶן דִיךְ אָפְּקִילְן פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּגֶער אוּן יָא גֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַ שְׁטִיק צַייט.

בִּיז יוּדָא'לֶע אִיז אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דֶעם רָבְ'ס אָפְּגֶעפָארֶענֶע טָאכְטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער צוּ סַאךְ צַייט נָאכְדֶעם אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה בִּיז עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן.

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער פְלֶעגְט פַארְצֵיילְן, אַז עֶר הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט דֶעם יוּדָא'לֶע פוּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, וֶוען עֶר פְלֶעגְט נָאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זַיין אַ צַדִיק.

ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט גֵיין רֶעדְן צוּ אִים אוּן פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ יוּדָא'לֶע'ס הוֹיז זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים, אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועט עֶר פּוֹעֵלְ'ן, אָבֶּער וֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער אוּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, נֶעבֶּעךְ, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעמוּזְט צוּשְׁטָאפְּן זַיינֶע אוֹיעֶרְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס דֶער הָאט צוּ זָאגְן

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן אוּן זֵיי פָאלְגְן וַוייל זֵיי וֵוייסְן וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וָואס נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נָאר פָאלְגְן אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אוֹיךְ צוּם סוֹף וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ע"ו

פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

יֶענֶעם זוּמֶער הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעפְלַאקֶערְט דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דער ז' הָאט גערעדט אַסַאךְ בִּיטֶערֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַז עֶר וֶועט בְּרֶענְגֶען בְּרִיוו פוּן אַלֶע בַּאקַאנְטֶע צַדִּיקִים אַז אַלֶע זֶענֶען מַסְכִּים מִיט אִים און קְרִיגְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. לְמַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער גֶעוָוען פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, ס'אִיז טַאקֶע אָנְגֶעקוּמֶען בְּרִיוו פוּן אַלֶע צַדִּיקִים צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְן אָבֶּער אַלֶע גֶעשְׁרִיבְּן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אַז זֵיי הַאלְטְן פוּן אִים, זֵיי הָאבְן גֶעשְׁרִיבְּן צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן לִיבְּשַׁאפְט און הָאבְן אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוָוען.

אִין יֶענֶעם זוּמֶער אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה אִין שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב, וואו עֶס הָאט זִיךְ צוּזַאמְגֶעזֶעצְט גְרוֹיסֶע בַּאקַאנְטֶע צַדִּיקִים.

דֶעם רֶבִּינְ'ס טַאטֶע, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שִׂמְחָה זי"ע, אִיז דַאן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף זְלַאטִיפָּאלְיֶע אִים צוּ נֶעמֶען קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ דִי אֲסִיפָה.

דֶער רֶבִּי הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ פָארְן מִיט זַיין טַאטֶע, און פַאר דִי רֵייזֶע הָאט דֶער רֶבִּי צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַ מִנְיָן פוּן צֶען מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט מִיט זֵיי און עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן בַּעַל דָבָר אִין פָארְנְט פוּן זֵיי. [דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעוָוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט ווַייל דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְן נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן שְׁפֶּעטֶער].

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז פוּן יֶעצְט און וַוייטֶער וֶועט דֶער בַּעַל דָבָר זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים צוּ שְׁטֶערְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין טַאטֶע קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב, דָארְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַסַאךְ צַדִּיקִים, און זֵיי הָאבְן בַּאשְׁלָאסְן צוּ לֵייגְן דֶעם ז' אִין חֵרֶם, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר רוֹדְפְ'ט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעם רֶבִּי'ן פַאר גָארְנִישְׁט.

דִי זַאךְ אִיז שׁוֹין בַּאשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן מִיט דִי הַסְכָּמָה פוּן אַלֶע רַבָּנִים בַּיי דִי אֲסִיפָה, ס'אִיז אָבֶּער גֶעוָוען דָארְט אֵיינֶער וָואס צֶעשְׁטֶערְט דִי זַאךְ, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע אַז ס'פַּאסְט נִישְׁט מְ'זָאל דָאס טוּן אִין זַיין שְׁטָאט, און צוּלִיבּ דֶעם הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן צַדִּיק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע, עֶר הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד און אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, צוּ זַיין פֶעטֶער הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזְשִׁיבּוּז זי"ע, וָואס פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אִין שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין יֶעדֶעס יָאר אֵיין חוֹדֶשׁ אִין דִי זוּמֶער און אֵיין חוֹדֶשׁ אִין דִי ווִינְטֶער, און עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ שְׁטָאט עֶרְגֶעץ נֶעבְּן אִים וואו עֶר וֶועט דָארְט קֶענֶען וואוֹינֶען בִּמְנוּחָה.

הָאט אִים זַיין הֵיילִיגֶער פֶעטֶער גֶעזָאגְט אַז נָאנְט צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין אִיז דָא אַ גוּטֶע שְׁטָאט פַאר אִים, דָאס אִיז דֶער שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, און עֶר קֶען דָארְט גֵיין וואוֹינֶען. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ דִי רָאשֵׁי הַקְּהִלָּה אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים קַיין טוּלְטְשִׁין.

דִי שׁוּתְּפִים ר' מֹשֶׁה חִינְקֶעס און ר' אַבְרָהָם פֵּייעס זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען און גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל פוּן מֶעזְשִׁיבּוּז זי"ע הָאט גֶעבֶּעטְן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז זֵיי גֵייעֶן אִים שַׁאפְן אַ רֶענְדְל יֶעדֶע ווָאךְ, און זֵיי הָאבְן מַסְכִּים גֶעוָוען דֶערְצוּ און גֶעשְׁלָאסְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלְיֶע צוּ בְּרֶענְגֶען זַיין מִשְׁפָּחָה קַיין בְּרֶסְלֶב.

לַיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וואךְ אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

פאַרלאָשענע ל"ג בעומר פלאַמען

ישראל דוד העסקעל

אשרינו מה טוב חלקנו בהילולה דבר יוחאי, לעבעדיג לעבעדיג...

אהה ל"ג בעומר - מירון אוי ווי שטארק די נשמה ציט אהין, די מצב, די התעוררות - אוי ויהיו רחמיך מתגוללים על עם קדשיך מ'ברענט אריין אינעם גרויסן הילולה אויפן בארג דארט אין מירון פון דעם צענטראלן הדלקה ביז שפעטער גייט מען ארייננכאפן די זייטיגע הדלקות אהה ס'איז לעכטיג!

ח"י רוטל משקה, הצלה ביי די ווייבער, אה א גרופע חאלאקע קינדערלעך, לאמיר גיין קודם טאנצן אביסל באלד וועלן מיר גיין ווייטער - אוי בר יוחאי נמשחת אשריך - אה די הארץ רייסט אויף, די בענקעניש איז אויף די העכסטע שטאפלען - לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי - ס'גיסט זיך שוויס אבער גארנישט אינטערעסירט יעצט ווייל ס'איז ל"ג בעומר אין מירון!

מיר כאפן זיך אריין צום מערה זיך גיין אויסבעטן און יא ס'איז ממש אזוי ווי מ'זאגט, אינדרויסן איז שמחת תורה און אינעווייניג יום כיפור, די התעוררות די טרערן גיסן אן פרעגן, אפילו מ'שטייט צעדרוקט אבער מ'שפירט גארנישט מ'וויל נאר זיין מקושר צום צדיק, צום גרויסן תנא.



אבער נאכדעם איז דא איינער וואס האט אינגאנצן א צווייטע געשיכטע...

ל"ג בעומר הממם... איך טו די זאכן, איך צינד א לעכטל לע"נ רבי שמעון, איך גלייב אז די טאג איז א גרויסע טאג איך מאך אלעס וואס מ'דארף מאכן, איך גיי מיט מיינע קינדער צו אן הדלקה, איך טו אפילו אן מיין גארטל ביים הדלקה, איך געב אביסל געלט פארן ח"י רוטל שיסל ווייל אזוי טוט מען, היינט איך האלט דעם בר יוחאי זאגערל און קוק אין דעם אריין ווי די האן אין בני אדם, וואס וויל דער זאגערל פון מיר? וואס מיינט סיני לא נקרא ארי שבחבורה? פארוואס ביי תורתו מגן לנו ווערט יעדער פלוצלינג צעפלאקערט? גייט עפעס פאר מיט מיר אז איך שפיר גארנישט? בין איך נישט אן אמת'ער ערליכער איד? כ'מיין, קוק אן דער דא נעבן מיר, ער טאנצט מיט פארמאכטע אויגן, ער ברענט אריין אין די פיוטים ואני אנא אני בא? איך שטיי ווי א קאלטע אינג איך שלעפט מיך נאך אינעם רינג איך ווייס אויך נישט פארוואס... ווייל אזוי... אזוי האב איך געטון פאראיאר און מסתמא גיי

איך אויך אזוי טון קומענדיגע יאר...

דער ל"ג בעומר... איך ווייס נישט, דער יו"ט רילעיט איך עפעס נישט! איך שפיר ממש גארנישט!! איך זאג עס נישט הויך ווייל עססם איך מיין איך דארף נישט יעדער זאל וויסן אז איך בין א קאלטע שטיין אבער ביי דעם יו"ט בין איך פארלאשן! פלעין פארלאשן!

יעצט שטייען מיר ערב ל"ג בעומר תשפ"ד און בשעתן שרייבן די שורות קוקט נישט אויס ווי ס'וועט בכלל זיין אויפן בארג א זכר צום גרויסן יו"ט ל"ע, ווען די ציוניסטן זאגן אז זיי גייען דאס יאר גארנישט און קיינעם צולאזן קיין מhרון ל"ג בעומר!

אוי ס'כאפט א פחד א ציטער לאאאאאג בעעעומר! שוין יארן נישט פארפאסט קיין ל"ג בעומר ביי רבי שמעון! ווי קען מען בכלל גיין א יאר אן דעם? וואס וועט זיין מיט די התעוררות? די טומל? די ישועות פועל'ן, די חאלאקע'ס, די ח"י רוטל משקה מ'גייט גיין אינעווייניג אינעם מערה זיך אויסגיסן דאס הארץ און נאכדעם ארויסקומען אויסגעוואשן און פריילך ווי קען מען דורכגיין א ל"ג בעומר אן דעם?

די צער, די ווייטאג, די אומזיכערקייט, די פארלוירנקייט איז געפערליך!

דער צווייטער ווייסט נישט וואס דו ווילסט פון אים מה כל הרעש? נו איז וואס, איז וועט מען דאס יאר נישט זיין ל"ג בעומר אין מירון! איז וואס? וואס איז דער בענקעניש? וואס זענען די אלע הרגשים און פילינגס וואס מענטשן דרייען זיך ארום אויפן טאג ל"ג בעומר?

וואו קומט מען אן צו דעם? איז עס סתם געמאכטע מעשיות? זאל איך עס אויך מאכן אזוי געמאכטערהייט און פערטיג? איך מיין אז דאס יאר גיי איך מיך פארקלעבן די אויגן מאכן די גארטל אויסנאם שטייף און מ'גייט שפירן רבי שמעון! איך מוז עס אמאל עקספּיריענסן כאטש עפעס...

דער ראש ישיבה האט געזאגט ליל שישי פרשת אמור ביים שיעור מ'זעט אז די לעצטע פאר יאר ווערט זייער שווער אנצוקומען אויף קברי צדיקים בפרט צו רבי שמעון בר יוחאי און צום הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן.

פון יעדע זאך מוז מען עפעס ארויסנעמען פאר זיך א לימוד. אבער נישט זיך צו צו ברעכן און זיך קלאפן אוי ס'געפערליך דאס איז נישט גוט און יענץ איז נישט, מיט הונדערט און איין סיבות וואס איז געשען און ווער ס'דארף אלץ תשובה טון (יעדער נאר נישט איך....), נאר פארקערט לעובדא ולמעשה וואס קען איך יעצט טון זיך יא מקשר צו זיין מיטן צדיק וואס וויל דער רבש"ע פון מיך יעצט?

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז א מענטש קען זיך מקשר זיין מיטן צדיק דורך לערנען זיין ספר! נעם א גמרא זאג די ווערטער פון די גמרא לערן א שטיקעלע פון רבי שמעון בר יוחאי. דער ראש ישיבה האט געבעטן יעדער זאל זיך מאכן א שיעור אין זוהר הקדוש ווייל אפילו די וואס ווילן נישט מודה זיין אינעם רבינ'ס דרך הלימוד זענען אויך מודה אז זוהר קען מען בלויז זאגן די ווערטער און מ'דארף נישט פארשטיין.

דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט: אז מ'וויל האבן א קשר מיטן צדיק מוז מען זיך באפלייסן איז זיינע ספרים און לערנען וואס די צדיק האט פאר אונז געלאזט.

ס'איז מיר שוין גוט איך האב שוין א וועג, איך פיל יא, איך נעם ארויס זוהר הקדוש און איך זאג ארויס די הייליגע ווערטער, איך בעט ביים אייבערשטן אז מיין הארץ זאל זיך עפענען איך זאל שוין יא שפירן.

שפעטער ווען איך שטיי דארט ביים הדלקה און איך שפיר אז איך באלאנג נישט דא, אפשר איז דא דא עפעס היכע סיקרעט מקובלים וואס זיי פלאקערן און ברענען אריין אין רבי שמעון, אבער איך בין קאלט ווי אייז, וועל איך שטילערהייט בעטן א תפילה פונעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף מיר אז איך זאל שפירן דעם יו"ט איך וויל אויך האבן א קשר צו רבי שמעון בר יוחאי איך וויל אויך קענען שפירן און פועל'ן אינעם גרויסן טאג אלעם גוטס פאר מיר און פאר אלע אידן, אייבערשטער רייס אויף מיין הארץ און געמיר א געפיל אין אידישקייט אין תורה ומצוות אזוי ווי די צדיקים האבן געשפירט".

יעצט קען מען טאנצן און זינגען און שפרינגען איך ווייס שוין אפילו נישט צו איך שפיר יא צו איך שפיר נישט, ס'איז מיר גוט, איך האב דעם באשעפער, איך וועל אים אלעס בעטן, איך קען זיין דבוק אינעם אייבערשטן, אה מחיה!

דער מנהל הרב אברהם משה שטראססער שליט"א זאגט אז פאריגע וואך ווען די הוקאפ אין שטעטל ליל ששי האט זיך געהאלטן אין אין פארלעשן האט ער צוגעלייגט קאפ ווי אזוי דער ראש ישיבה האט פונקט דעמאלט געזאגט אז דאס וואס מ'זעט ווי ס'ווערט שווערער אנצוקומען צו צדיקים דאס קומט אונז מעורר זיין זיך צו באפלייסן אין די ספרים.

און טאקע לעובדא ולמעשה...

תוך כדי דיבור האט זיך די הוקאפ אפגעהאקט, דאס איז געווען פאר מיר א מעסעדזש אויפן ארט דו זיצט דא ביים צדיק, דו ביזט דא אין היכל הקודש, אבער דאס אליינס איז נאכנישט גענוג, מ'דארף פאלגן די זיסע לעבעדיגע עצות, מאך דיך א נאכאמאל א שיעור אין "עצתו אמונה", וועק דיך נאכאמאל אויף פונעם טיפן שלאף, בעט ביים באשעפער צו קענען בלייבן אייביג מקורב און מקושר צום צדיק.

מיט דעם וועג איז נישט מעגליך צו דערליינגן, זיין מקושר צו צדיקים איז נישט קיין פילינג און נישט קיין התעוררות'דיגע מצב, זיין מקושר צום צדיק מיינט "לערנען די ספרים פונעם צדיק און פאלגן די זיסע עצות, גיין אויף די וועג וואס די צדיק האט פאר אונז אויסגעטראטן".

פארגאנגענעם פורים האט דער ראש ישיבה געפרעגט "וואס מיינט התקרבות לצדיקים? שטיין נעבן א צדיק? כאפן שיריים פון א צדיק? דער צדיק'ס דרייווער? ווער איז מקורב צום צדיק? ווער איז נאנט?"

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז התקרבות לצדיקים מיינט "רעדן צום אייבערשטן". אריינשטופן די בענקל איז גאר חשוב, אבער מקורב צום צדיק וועסטו זיין ווען דו וועסט ארויסזאגן אפאר ווערטער צום אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך.

שכח אייבערשטער אז מיר קענען לעבן מיט לעבעדיגע לימודים פון צדיקים אויף לעובדא ולמעשה. שכח אייבערשטער אז מיר קענען זוכה זיין צו שפירן די ריכטיגע טעם פון התקרבות לצדיקים!

א מחיה!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!!!

בס"ד

פרייליכע נייעס!

איר קענט זיך אויפסיינען צו באקומען דעם
שטארק אויפגעכאפטע וועכענטליכע

קרית ברסלב בעלז

יעדע וואך ביי אייער טיר

תוכנ'דיג און ציענדיג וואס איר
וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

**אדרבה איבערצייגט
אייך אליין**

צו סובסקרייבן רופט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718-387-2691

Subcscribe@kerenhadfusa.org

געקעשטע שיעורים

י יודשעף

איך דריי זיך ארום,
איך גיי און איך קום.
וואס איז געשען מיט מיר היינט,
אלעס גייט אנדערש ווי געפלאנט.

עפעס א אינעווייניגסטע נערוועזקייט,
א שלעכטע רוח מיר באגלייט.
וואס איז מיט מיר געשען,
איך וויל זיך פון דעם ארויסזען.

זיך שטארקן אביסל איך פראביר,
מיט די ארבעט זיך געבן דא א ריר.
געגאנגען באקן חלות,
אבער פארגעסן זאלץ, צו אלע מעלות.

איך פיל זיך אזוי צוגעלייגט,
פשוט אויפגעשטאנען אויף די לינקע זייט.
ווען פלוצלינג א שטימע איך הער:
וואו זענען די אלע שיינע דיבורים?
די רייכע אמונה שיעורים?

לאמיר דיר יעצט זען,
ווען די נסיון טוט געשען.
ווען די ביסט אזוי מיואש,
וואו זענען די אלע "קעש"?

איך גיי אין צימער אריין,
איך בין מיטן אייבערשטן אליין.
איך הייב אן צום אייבערשטן שרייען,
הייליגער באשעפער טו מיר באנייען.

אזוי אנגעצויגן איך שפיר,
וואס גייט פאר מיט מיר.
טאטע, העלף מיר ארויס ביטע,
ברענג מיר צוריק א מוט א גוטע.

"אהההה, די גוטע עצה התבודדות",
איך מיט'ן אייבערשטן, פון אלעס איך פארגעס.
און פלוצלינג די נס האט געטון פאסירן,
עפעס א רוהיגקייט איך טו שפירן.

א שמייכל אויף מיין געזיכט,
ארופגעווארפן א שווערע שיכט.
אן אנדערע מענטש ארויס געקומען,
מיט א באפרידיגונג ארומגענומען.

יא, יא, טאקע צוליב די שיינע דיבורים,
די רייכע אמונה שיעורים.
מיט'ן רבינ'ס זיסע עצות,
מעןווארפט זיך ארויף אויף דעם אייבערשטנ'ס פלייצעס.

צום אייבערשטן נאנט מען טוט בלייבן,
וייל א נסיון עס טוט דערהייבן.

ש.ל. פליישמאן

שיינער אין גראמען

ב׳ שמיני תשפ״ד

בעט דעם אייבערשטן אויף דעם

דער ראש ישיבה פון דעם גערעדט האט:
געזונטע קינדער – וואס איז דער סוד???
אפשר פילע נייע קליידער און שיך,
מיט שפילצייג בויען זייער צעלבסט זיך?

מיט טראגן צו טריפס א באזוך,
פארקס, פלארידע, אויפן לבנה קריך?
נאש, אייזקרים, א גוטע טשאקאלאדע?
ס׳איז גאנץ געשמאק גראדע...
מעגסט דאס אלעס טוהן אוודאי...
אבער נישט דאס וועט געבן דיין קינד,
זיכערקייט און נפשיות׳דיגע געזונט...

קינדער דארפן א ליבליכע היים,
נישט א הויז פון מארמאר שטיין.
טאטע מאמע וואס זענען ווי איין,
איינער צום צווייטן רעדן שיין,
דאס איז זייער רוקן ביין.

יעדע טענות, מחלוקת, און געפעכט,
מאכט פאר די קינדער שלעכט.
אויב די קינדער זענען דיר וויכטיג עכט,
זיי מוותר פון זיין גערעכט!

דער עיקר געדענק און פארשטיי עס,
און תפילה גייט נישט שלום בית.
מ׳איטן באשעפער א שמועס – א שיחה:
״איך וויל א היים רואיג מיט מנוחה״...
מיט דעם האסטו פאר דיין קינד געגעבן,
די טייערסטע מתנה אין זיין לעבן!
אז טאטע מאמע טוען שטימען,
א געזונטע צאהל די קינדער באקומען...
גרינגער כוואליעס דורכשווימען.

אין זייערע בינער יארן לאנג,
זיי וועלן שפירן דעם געשאנק.
און זיין אנגעפילט מיט דאנק!!!

קלעזמ

מען האלט שוין ברוך השם נענטער ווי ווייטער צום פרייליכן טאג ל"ג בעומר, וואס די הערצער פון כלל ישראל זענען געוואנדן קיין אתרא קדישא מירון צום ציון פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי. אין אזא צייט איז נישט מער ווי פאסיג צו אפהאלטן א שמועס מיט דעם אלעמען באקאנטן לאנגיעריגן מייסטער קלארינעט שפילער **מו"ה אברהם בלטי הי"ו**, הערן זיין שילדערונג פון די יוגנט, ווען ער האט זיך **ארויסגעכאפט אלס בחור צו שפילן אין אתרא קדישא מירון**, ביז ער איז היינט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויפגעוואקסן אלס דער **סאמע שענסטער קלארינעט שפילער אין די אידישע וועלט**. וואס ליגט **אינטערן "קלארינעט"** וואס ציעט אזוי שטארק דעם צוהערער און שלעפט אים גלייך צוריק צום אייבערשטן | וואס איז **זיין שייכות מיט'ן ראש ישיבה** שליט"א | און נאך גאר אינטערעסאנטע אינפארמאציע וואס וועט אייך גאר שטארק אינטערעסירן און ברענגען גרויס הנאה.

נפתלי הירצקא וואללנער

בילדער: דוד כהן, ארכיוון

וו

וען מען טראכט פון די פרייליכע טענץ ל״ג בעומר, קומט גלייך ארויף אויפן געדאנק דעם באקאנטן היימישן קלארינעט, וואס האט אין זיך א געוואלדיגע שטארקע כח צו אויפוועקן דעם מענטש, ער זאל זיך וועלן צוריקקערן צום אייבערשטן.

נו, ווער איז דער ריכטיגער קאנדידאט ארויפצוברענגען לכבוד ל״ג בעומר אויב נישט דער באקאנטער קלארינעט שפילער מו״ה אברהם בלטי הי״ו וואס ווי מען ווייסט נעמט ער זיין חיות פון די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט״א, וואס דאס געבט אים די כוחות אנצוגיין מיט אלע זיינע גוטע מעשים וואס ער טוט פארן כלל און פארן פרט.

מיר האבן זיך פארבונדן מיט ר׳ אברהם און באשטימט א צייט זיך צו אראפזעצן און איבערגיין פרטים איבער זיין פארגאנגענהייט, איבער זיין שפילן, ווי אויך זיין קשר מיטן ראש ישיבה שליט״א, וואס ווי באקאנט האט ער געהאט די זכי׳ צו שפילןביים ראש ישיבה, ווי אויך האט ער געשפילט אויף די סידיס וואס דער ראש ישיבה האט ארויסגעגעגעבן.

איז לאמיר נישט צופיל אויפהאלטן דעם עולם מיט לאנגע הקדמות, לאמיר גלייך אריינטאנצן אינעם שמועס מיט ר׳ אברהם.

•

צום ערשט הייבט אן ר׳ אברהם צו פארציילן פון זיינע יונגע יארן: איך בין אויפגעוואקסן אין די סמעטענע פון מאה שערים׳דיגע געסלאך אין עיר הקודש ירושלים תובב״א ווי איך וואוין נאך ביז היינט, איך האב דארט זייער הנאה צו וואוינען עס איז זייער געשמאק. חז״ל זאגן דאך חן מקום על יושביו, אז איך וואוין דא איז דא די געשמאקסטע און בעסטע פאר מיר.

איך האב ברוך השם גאר חשובע עלטערן, מיין טאטע שליט״א איז א חשובער ברסלב׳ער איד, און ער האט מיר זייער שיין ערצויגן און מחנך געווען אויפן ערליכן וועג. אלס קינד האב איך געלערנט אין די באקאנטע ישיבת עץ חיים.

אויב איר קענט צוריקגיין און זיך דערמאנען ווען איר האט אנגעהויבן זען אז מוזיק איז א זאך וואס רעדט צו אייער נשמה?

זייט איך געדענק מיר בין איך זייער צוגעצויגן געווארן צו מוזיק, די ערשטע מאל שפילן אויף א פיענא איז געווען ביי די זיבן יאר אלט. ביי צוועלף יאר האט מיין ברידער געהאט אינדערהיים א פלָאאט, האב איך עס געבארגט פון אים און איך האב ברוך ה׳ גלייך געכאפט די זאך, דעמאלט האט מען מיר געזאגט אז א קלארינעט ארבעט אויך בערך די זעלבע, האב איך געבארגט א קלארינעט פון א חבר און ביי דעם בין איך שוין געבליבן ברוך ה׳, ווייל איך האב געשפירט אינעם קלארינעט א זאך וואס קיין שום כלי האט נישט, א קלארינעט גייט גאר טיף, און עס האט אין זיך א חסידיש׳ע טעם, עס עפענט דעם הארץ צום אייבערשטן - וואס ווי באקאנט גלייכט דער ראש ישיבה גאר שטארק דעם קלארינעט.

צו קענט איר שפילן אויף נאך כלי זמר אדער נאר אויף קלארינעט?

איך קען אויך שפילן אויף א סעקסעפאון, אויף א פיענא, איך קען ברוך ה׳ דרָאמען, אבער פון די אלע קען איך נאר אביסל, מיין עיקר כוח ליגט אין

קלארינעט, דאס איז ממש א מתנה וואס דער אייבערשטער האט מיר באשאנקען.

מען זעט אייך אסאך ביי שמחות אין אמעריקע, ווי אזוי ווייסן די בעלי שמחה אז איר קומט אהער?

עס גייט געוועינטליך אז איין בעל שמחה לאדענט מיר בערך א האלבע יאר פאר די שמחה, דעמאלט לאז איך וויסן פאר די גרויסע מוזיקאנטן אז איך האב אין פלאן צו קומען אין די צייט, זיי לאזן שוין וויסן פאר זייערע קליענטן אז עס קומט א גרויסער קלארינעט שפילער פון ארץ ישראל און אויב זיי דארפן מיר רופט מען מיר און איך שפיל פאר זיי.

אז מען רעדט שוין פון די אמעריקאנע שמחות, וואלט געווען אינטערעסאנט צו פארשטיין ווען ס'איז געשען די טויש אז דער אמעריקאנער עולם גלייכט היינט מער קלעזמער?

פאר צוואנציג יאר צוריק האט די גאנצע מוזיק וועלט זיך זייער געטוישט. ביז דאן האט מען ביי יעדע חתונה געהאט א גאנצע בענד פון מוזיקאנטן, אבער ווען עס האט זיך מער אנטוויקלט די קיבאורד - וָואן מען בענד, האט שוין דער עולם אנגעפאנגען ניצן נאר א 'וואן מען בענד' וואס דאס האט נעמליך אריינגעברענגט מער חסיד'ישע נגינה, אבער ווער עס פארשטייט עכט צו מוזיק ווייסט אז א קלארינעט געבט אסאך צו צו א אידישע שמחה אז עס זאל זיין מיט א חן און געשמאק מיט א אידיש'ער טעם, אויך איז פאר צוואנציג יאר צוריק נישט געווען אזוי סאך אויסוואלן פון היימישע קלארינעט שפילער האט דער עולם נישט אין אכט גענומען וואס דאס געבט צו פאר א אידישע שמחה, אבער ברם יזכר לטוב א חשוב'ער אינגערמאן מו"ה יונתן יוזשעף הי"ו וואס ער שפילט אויך זייער הארציג קלארינעט, ער האט ווארשיינליך צוריקגעברענגט דעם קלארינעט צווישן דעם היימישען עולם, און היינט אז מען וויל עפעס צולייגן צום קיבארד לייגט מען צו דעם

"איך געב א בליק צום שפילער צו זען אויב איך בין נישט דער פראבלעם און איך פרוביר צו פארן ווייטער מיטן זינגער וויפיל עס איז מעגליך אבער ווען דאס ארבעט נישט גייט מען ווייטער אפילו עס איז שווער..."

הארציגן קלארינעט, אזוי אז מען האט אנגעהויבן רופן ר' חיליק פראנק פון ארץ ישראל שפילן און אזוי אויך מיר, אזוי איז דער עולם צוביסלעך געקומען צום טעם. בפרט ביי חופות גלייכן עס מענטשן זייער שטארק, ווייל עס ברענגט א געוואלדיגע התעוררות. אבער לאמיר נישט פארגעסן וואס מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן: "וויי פאר א חתן און וויי פאר מחותנים וואס מען דארף זיי מעורר זיין ביי די חתונה"...

עס איז דא שפילערס וואס זענען באקאנט אין ארץ ישראל ווידערום אין אמעריקע קען מען זיי נישט און אזוי אויך פארקערט, ווי אזוי איז עס אז איר זענט אזוי באקאנט איבער די גאנצע וועלט?

קוק אהער, א מענטש איז גארנישט און א מענטש קען גארנישט אן דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער דארף נאר געבן א שמיר ארויף אביסל חן אויף א מענטש'ס פנים און מענטשן גייען פאר אים, נאכדעם קען א מענטש שפילן אזוי שיין אבער ער איז בכלל נישט אנגענומען ביים עולם, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן דעם ביסל חן.

און יעצט אז מען ווייסט שוין אז אן דעם אייבערשטן קען מען גארנישט קען איך אביסל מער מסביר זיין ווי אזוי עס ארבעט, ווען עס קומט א מענטש און ער איז עפעס מחדש אין א געוויסע ענין, ער ברענגט א חידוש פאר די וועלט, גלייכן מענטשן אים צו הערן. למשל דאס אז איך האב די געוואלדיגע זכיה צו שפילן פארן הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי אין אתרא קדישא מירון ביי די הדלקות פון חשוב'ע באוויסטע אדמורי"ם, מענטשן וואס זענען דאס ווילן אויך שפירן דעם טעם ביי זייער שמחה, אבער נאכאמאל אלעס איז דער אייבערשטער איך קען נישט ארויסבלאזן קיין פיפס פון מויל אן דעם אייבערשטן, און אין איין סעקונדע קען דער אייבערשטער אוועקנעמען די חן פון א מענטש און ער פארלירט די פרנסה, מען דארף

ווען איך האב באמערקט אז עס איז נישט דא דארט קיין קלארינעט, האב איך זיך ארויף געדראפעט אויפן פלאטפארמע און איך האב אנגעהויבן שפילן מיט א געוואלדיגע פלייס

אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט ופרט אינעם לעבן.

מיט וועלכע ציבור זענט איר מער באקוועם, אין אמעריקע אדער אין ארץ ישראל?

ביי מיר איז דאס נישט קיין גרויסע חילוק, ווייל איך זע מיין גאנצע שפילן אלס א פערזענליכע שליחות פונעם אייבערשטן אריינצוברענגען שמחה אין מענטשן און אזוי זיי צו מקרב זיין צום אייבערשטן. ווי איך גיי טו איך רצון ה', ווי איך גיי איז מיין תפקיד צו מאכן פרייליך מענטשן צו מְרַגש זיין מענטשן, ווי איך זע צו מענטשן האבן הנאה באקום איך פון דעם א געוואלדיגע סיפוק און איך בין זייער פרייליך.

איך האב אן אינטערעסאנטע שאלה פאר דיר; ווי אזוי געבט איר זיך אן עצה מיט א זינגער וואס יכול'ט נישט?

די זאך מאכט זיך מער ביי שמחות ווי עס איז נישט דא קיין פראפעסיאנאלע כאר, און עס איז שוין אביסל א שווערע זאך ווייל אז מען האלט אינמיטן א שמחה און די זאך דארף ווייטער לויפן, איך געב א בליק צום שפילער צו זען אויב איך בין נישט דער פראבלעם און איך פרוביר צו פארן ווייטער מיטן זינגער וויפיל עס איז מעגליך אבער ווען דאס ארבעט נישט גייט מען ווייטער אפילו עס איז שווער...

לאמיר צוגיין צו ל"ג בעומר; ווי אזוי איז אנגעקומען צו אייך די געוואלדיגע זכיה צו שפילן פארן הייליגן תנא הקדוש אין אתרא קדישא מירון ביים גרויסן הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי?

מיין טאטע פלעגט מיך נעמען קיין מירון פון אלס גאר קליין קינד, איך געדענק נאך מיט ארום דרייסיג יאר צוריק ווען מירון איז נאך געווען גאנץ קליין און די פארקער איז נאך געווען זייער ווייט פון היינט, איך האב אלץ געגליכן צו שטיין אין די חצר, דארט איז געווען די מוזיק געשמאקע אלטע קלעזמער, מ'האט געשפילט די באקאנטע מירון'ע ניגונים אויפן אראבישן סטייל, וואס עס איז געווען

דער מנהג צו זינגען אין די חצר חוץ פון די באקאנטע ניגונים ווי "לכבוד התנא" און "בר יוחאי".

ווען איך בין עלטער געווארן בין איך געגאנגען לערנען אין ישיבת דאראג, דארטן איז געווען די תקנה אז מען פארט נישט קיין מירון נאר מען גייט צו די הדלקה פון די חסידות, אבער איך האב זייער שטארק געוואלט פארן קיין מירון, האב איך זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו זיין אין מירון, ווייל ווער עס פארט איינמאל אין זיין לעבן קיין מירון וויל שוין פארן יעדעס יאר, יעדער איד שפירט עפעס אין מירון, מען שפירט א קירבת אלוקים, איך האב מיך נישט געקענט זען נישט זיין אין מירון, האב איך זייער געוויינט צום איבערשטן, אין א מעשה פון תפילה האט דער אייבערשטער געהאלפן אז ממש פאר ל"ג בעומר האט די ישיבה אפגעמאכט צום ערשטן מאל אז מען גייט יא פארן קיין מירון, אבער מען האט שטרענג געזאגט אז מען מוז זיין א גאנצן צייט צוזאמען בחבורה, און משגיחים גייען נאכקוקן ווער עס גייט אוועקגיין.

איך האב מיך זייער געפריידט און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע אפענע נס, איך האב מיטגענומען מיין קלארינעט און איך האב אויסגעווארט אויף די מינוט ווען קיינער קוקט נישט, איך האב זיך ארויסגעשלייכט פון צווישן די קבוצה און איך האב זיך אריינגעזען אינעם חצר.

אין מירון ארבעט עס מיט חזקות, יעדער שפילער האט א חזקה ווען ער שפילט אינעם חצר און מען קען נישט אוועקנעמען א צווייטנס חזקה, יענע יאר האט זיך אנגעהויבן אז די גרויסע שפילערס האבן אנגעהויבן באקומען געלט צו שפילן ביי די גרויסע הדלקות וואס די אדמורי"ם מאכן, במילא איז געווארן אביסל ליידיגער אינעם חצר, ווען איך האב באמערקט אז עס איז נישט דא דארט קיין קלארינעט האב איך זיך ארויף געדראפעט אויפן פלאטפארמע אין איך האב אנגעהויבן שפילן מיט א געוואלדיגע פלייס, מיט א יאר שפעטער האט מען שוין געוויסט אז

איך שפיל דארט און איך האב באקומען גוטע שעות אין די מיטאג צייט.

וויפיל יאר צום גוטן שפילט איר שוין אין מירון?

זינט די פערצן יאר שפיל איך שוין ברוך ה' יעדעס יאר אין מירון, די יאר אויב דער אייבערשטער וועט זיך מרחם זיין אויף כלל ישראל אין מירון גייט זיין אפן גייט זיין ביי מיר די צוואנציגסטע יאר וואס איך שפיל שוין אין מירון, שכח אייבערשטער פאר די געוואלדיגע זכיה.

ביי די יאר פון די קאראנע - תש"פ זענט איר אויך געווען אין אתרא קדישא מירון?

ברוך ה' אז יא, איך האב די זכיה צו שפילן יעדעס יאר ביי די ערשטע הדלקה וואס ווערט געצינדן דורך אדמו"ר מ'באיאן שליט"א וואס האט די חזקה צו צינדן יעדעס יאר אין אתרא קדישא מירון, אפילו מ'האט נישט געלאזט דער עולם אריינקומען קיין מירון, איז אבער יא געבליבן די צענטראלע הדלקה, און איך האב ברוך השם דארט געהאט די זכי' צו שפילן.

אז מען רעדט שוין פון ל"ג בעומר, וואלט געווען אינטערעסאנט צו וויסן ביי וועם נאך איר שפילט אין דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר אין אתרא קדישא מירון?

איך שפיל פון אכט אזייגער ביינאכט ממש ביזן נץ החמה, יעדע צוויי שעה שפיל איך ביי א צווייטע הדלקה, איך הייב אן ביי די ערשטע הדלקה דורך אדמו"ר מ'באיאן שליט"א, דערנאך ביי הרב דוד אבוחצירא שליט"א, הרב שלום ארוש שליט"א, און אויך ביי די הדלקה דורך ישיבת אורייתא, שפעטער גיי איך אריבער צום הדלקה פון המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א, און נאכדעם ביי הרב אליעזר ברלנד שליט"א, שפעטער שפיל איך אינעם חצר אין די נאכמיטאג שעות.

וואס געדענקט איר פון די ביטערע טראגעדיע אין אתרא קדישא מירון אין יאר תשפ"א?

איך האב דעמאלטס געהאט געענדיגט שפילן ביי הרב דוד אבוחצירא שליט"א, איך האב געהאט א האלבע שעה צייט אינמיטן ביז איך

האב געדארפט גיין צו הרב שלום ארוש שליט״א. אינמיטן בין איך געגאנגען אין מקוה דורך די דרך מהדרין. ווען איך בין ארויסגעקומען פון מקוה האב איך געזען אז מענטשן לויפן מיט די נשמה אין די הענט, איך האב אנגעהויבן פרעגן וואס איז געשען האט מען מיר געזאגט אז א פארענטשע איז צוזאמגעפאלן, מען האט נאך דעמאלט גארנישט געוויסט, יעדע פארבייגענדע מינוט איז אריינגעקומען שווערערע באריכטן ווי די נומערן האלטן זיך און איין העכערן רחמנא ליצלן.

יענע נאכט האט מען מער נישט געשפילט אויפן בארג מירון עס האט געהאנגען א צעמישעניש אין די לופט, מען האט מיטגעהאלטן ווי קינדער זוכן די עלטערן און עלטערן זוכן די קינדער יענע צייט גייט שווער ארויס פון די ביינער, אבער מיר זענען אידן מאמינים בני מאמינים, ובפרט ווייסן מיר פון הייליגן רבי׳ן וואס חזר׳ט מיט אונז יעדן טאג די אמונה, צו וויסן אז אלעס פירט זיך מיט א פונקטליכע חשבון, במילא דארף מען ווייטער אנגיין, און דינען דעם אייבערשטן מיטן גאנצן שטארקייט, און אים ווייטער בעטן אלעס וואס מען דארף, און דאנקן אויף וואס מען האט. דער אייבערשטער זאל אפהיטן גאנץ כלל ישראל בכלל און אלע עולי מירון בפרט.

איר זענט דאך יעדעס יאר אויפן פאדיום העכער דעם גאנצן עולם, האט איר נישט מורא געהאט אין די פריעדיגע יארן אז אזא זאך וואלט לא עלינו געקענט פאסירן?

קיינער האט נישט געטראכט אז אזא זאך וואלט געקענט פאסירן, עס איז א זאך וואס גייט שוין יארן אז דער עולם שטיפט זיך און עס איז קיינמאל נישט צוגעקומען צו דעם, אגב ביי די באיאן׳ע הדלקה איז אלץ געווען מער קאנטראלירט אז מען זאל זיך נישט שטיפן, עס איז מיט א מסודר׳דיגע אחריות אז עס זאל ח״ו נישט פאסירן קיין סכנות, נאר דא איז עס געווען א גזירה פון הימל אז עס זאל זיין פינף און פערציג קרבנות

„וואס איז געשען?״ האט מען מיר געזאגט אז א פארענטשע איז צוזאמגעפאלן, מען האט נאך דעמאלט גארנישט געוויסט, יעדע פארבייגענדע מינוט איז אריינגעקומען שווערערע באריכטן ווי די נומערן האלטן זיך און איין העכערן רחמנא ליצלן״.

און מען טאר נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן, מען דארף זען זיי אינזין צו האבן עס קומט דאך יעצט זייער דריטע יארצייט זאל מען צינדן א ליכט און זיי אינזין האבן די מ״ה קדושים וטהורים ווען מען זאגט משניות.

וואס ווייסט איר שוין וועגן די היי-יעריגע ל״ג בעומר אין אתרא קדישא מירון?

רוב אדמורי״ם ורבנים פלאנען נישט צו מאכן די הדלקה אין מירון, זיי וועלן עס פראווען אין ירושלים צו אין בני ברק, אדער בית שמש ווי עס איז געפלאנט אן הדלקה דורך המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט״א, חוץ אדמו״ר מ׳באיאן שליט״א וואס וועט יא בעז״ה קענען אריינגיין מיט א געקליבענע צאל חסידים אנצוהאלטן די מסורה פון צינדן ל״ג בעומר ביי רבי שמעון, וועגן דעם דארף איך אין אכט נעמען ווען מען רופט מיר באשטעלן אויף ל״ג בעומר, ווייל אין מירון קען איך אנעמען באשטעלונגען אויף יעדע צוויי שעה אבער ווי עס זעט יעצט אויס וועט מען דארפן פארן פון איין שטאט צום צווייטן נעמט דאך עס לענגער קען מען אנעמען אביסל ווייניגער באשטעלונגען, מען דארף אבערווארטן און זען ביז זאכן וועלן זיך אויסקלארן און מיטהאלטן ווי די פילע הייסע תפילות און רצונות פון אחינו בני ישראל וועלן פועל׳ן א ישועה.

זייער געשמאק צו הערן איבער אייער שפילן און איבער ל״ג בעומר. איך וויל יעצט אריבערגיין צו אייער קשר וואס איר האט מיט׳ן ראש ישיבה, איר זענט זיך דאך מחי׳ מיט דעם ראש ישיבה׳ס דיבורים, ווי אזוי זענט איר אנגעקומען צו די דרשות און שיעורים?

פאר אכט יאר צוריק שוין האב איך באקומען פון א חבר די חיזוק יומי׳ס פון דער ראש ישיבה שליט״א און דאס האט מיר זייער געכאפט, דער ראש ישיבה׳ס קול איז גאר שטארק מעורר צו תשובה, די פשוטע דיבורים פון

ביי א הכנסת ספר תורה מיטן משפיע
הרב ר' אלימלך בידערמאן שליט"א

אמונה איז א זאך וואס איז גאר וויכטיג צו הערן נאכאמאל און נאכאמאל, און דאס איז וואס האט מיר געכאפט. דער ראש ישיבה עפענט די הארץ צום אייבערשטן.

אויך איז געווען איינע פון די ערשטע צייטן וואס איך בין געווען אין וויליאמסבורג צו שפילן פאר ארום אכט יאר צוריק האב איך געזוכט א בית המדרש צו דאווענען איך בין נאך געווען זייער ניי איך האב זיך נישט אויסגעקענט אין וויליאמסבורג האב איך אפגעשטעלט איינעם אויפן גאס פרעגענדיג ווי עס איז דא די נענטסטע בית המדרש ווי מ'קען דאווענען שחרית און ער זאגט מיר "גיי דא דריי זיך דא". איך האב נישט פארשטאנען פונקט ווי ער שיקט מיר.,

גייענדיג אזוי אויפן גאס טרעף איך מו"ה אייזיק ראטה הי"ו וואס איך האב זיך שוין געקענט מיט אים פון לאנג פון די מוזיק וועלט און איך פרעג אים וואו איז סאטמאר'ע בית המדרש זאגט ער מיר קום ארויף אין ברסלב'ע שול, בין איך ארויף דאווענען אין ישיבה זעט אויס אז דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר שוין דאן געקענט און נאכן דאווענען פירט מען זיך דאך צו טאנצן פרעגט מיר דער ראש ישיבה 'וואו איז דיין קלארינעט?' האב איך געזאגט אז איך וועל עס ברענגען איך בין שנעל געגאנגען ברענגען, און מען האט טאקע דעמאלטס פיין געשפילט און געטאנצן עס איז געווען זייער פרייליך.

שפעטער מיט די צייט האב איך אנגעהויבן הערן מער שיעורים איך האב אנגעהויבן צו דאווענען פון צייט צו צייט אין בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים, וואס איז עכט א געשמאקע חבורה, געשמאקע אינגעלייט וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן, אלץ פארציילט מען מעשיות פון תפילה וואס מען האט געהאט, עס איז זייער א געשמאקע ווינקל. און ווען איך קום קיין אמעריקע קום איך אסאך אין ישיבה שפילן. אין איך האב זוכה געווען צו באקומען גאר אסאך התחזקות און עצות פארן לעבן און קירבת אלוקים פונעם ראש ישיבה, וואס

מיט הרב ר' דוד אבוחצירא שליט"א

לייגט עס אריין מיט אזא שמחה מיט אזא לעבהאפט, ברוך ה' פאר דעם.

דאס יאר האב איך אויך געהאט די זכי' צו זיין אין ישיבה אין שפילן ביים שיעור - מאנטאג וירא, איך האב געשפילט געשמאקע קלעזמער ניגונים, און דער ראש ישיבה האט גאר שטארק הנאה געהאט דערפון. נאכן שפילן האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: קלעזמער איז זייער אינטערסאנט, אדער גייסטו פאר דעם, און עס עפנט דיר די הארץ צום אייבערשטן, אדער ווערסטו נערוועז דערפון און דו ווילסט מען זאל דאס זאפארט אוועקטראגן פון דא. די זעלבע זאך איז דעם רבינ'ס עצות, אדער ווילסטו הערן נאך און נאך, עס איז ממש דיין גאנצן לעבן, אדער זאגסטו אז די דרשות מאכט דיר נערוועז.

זייער שיין. איך האב געוואלט אנרירן נאך א נקודה וואס דאס איז די ערליכע אידישע סידי'ס פונעם ראש ישיבה וואס קומט ארויס יעדע שטיק צייט, וואס ווי איך ווייס האט איר די זכי' צו שפילן דערויף, וואס קענט איר זאגן איבער דעם?

שכח אייבערשטער אז איך האב די זכיה צו שפילן אויף עטליכע ניגונים פון די גאר שיינע ערליכע ניגונים פון דער ראש ישיבה שליט"א, איך פריי זיך זייער אז איך קען ארבעטן מיט אזא הייליגע חבורה, וואס יעדע ניגון איז דורכגעווייקט מיט תפילה והתבודדות עס איז מיר א זכיה צו האבן א חלק אין דעם.

אויך ביי מיר אין שטוב הערט מען כסדר איבער די ניגונים וואס איז אנגעפאקט מיט אמונה און שמחה און עס ברענגט אריין דער הייליגע רבי אין די קינדער און פערזענליך גלייך איך די ספרד'ישע מוזיק פון די סעריע "טאנץ מיט אמונה" סידי'ס.

וואס טוט א שפילער ווי אייך אין די טעג וואס מען טאר נישט הערן קיין מוזיק ווי די ימי הספירה און די דריי וואכן?

די דריי וואכן איז אביסל הארבער ווי די ספירה טעג, איך האב געפרעגט מיין רב און ער האט מיר גע'פסק'ענט אז איך קען יא שפילן אין די ספירה טעג ווייל מיין פרנסה איז אין דעם, אבער יעדער זאל גיין פרעגן זיין רב ווען עס איז אים נוגע. אין די ספירה טעג מאך איך בעיקר לעסענס איך לערן אויס פאר אינגע שפילער צו שפילן אויף א קלארינעט און אויך רעקארדירט מען נייע סידי'ס און די סטודיא'ס און אין די דריי וואכן ריר איך בכלל נישט צו צום קלארינעט די גאנצע צייט! אז מען טראכט אריין איז עס בכלל נישט אזא לאנגע צייט אין די ימי הספירה, ווייל ביז ראש חודש אייר מאכן נאך די ליטווישע אידן חתונה, און פון נאך ל"ג בעומר מאכן שוין די ספרד'ישע אידן חתונה, בלייבט נאר סך הכל זיבעצן טעג וואס איז אינגאנצן ליידיג פון חתונות.

וועלכע ווארימע ניגון וואלט איר געקענט זאגן אז דאס איז א ניגון וואס דער עולם בעט אייך אסאך מען זאל שפילן?

איך וואלט געזאגט אז די ד' בבות פונעם בעל התניא זי"ע איז א ניגון וואס מען בעט מיר אסאך צו שפילן, עס איז גאר א הייליגע און ווארימע ניגון.

צום לעצט וואלטן מיר געוואלט הערן פון אייך א ווארט פאר די ליינער.

מוזיק האט זייער א שטארקע כוח; צדיקים האבן געזאגט אז אויבן אין הימל איז די היכל הנגינה נעבן די היכל התשובה, ווען מען הערט א ניגון פון א ערליכע זינגער מאכט עס א גוטע השפעה און ווען מען הערט א ניגון פון א נישט ערליכע זינגער ברענגט עס א נישט גוטע השפעה אזוי ברענגט דער רבי אין ליקוטי מוהר"ן (ח"א סימן ג') א ניגון קען שלעפן א מענטש צום אייבערשטן, איך האב געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א אז ער אליין האט געוויסע ניגונים וואס עפענט אים די הארץ בשעת התבודדות, און יעדע מענטש קען טרעפן א ניגון וואס קען אים עפענען דאס הארץ און ברענגען צום אייבערשטן. פאר אנשי שלומינו איז גוט באקאנט די מעשה אז רבי נפתלי איז אמאל געזיצן אין בית המדרש און געזינגען, אינמיטן איז דער הייליגער רבי אריינגעקומען און זיך אנגעריפן צו אים 'דיין נגינה האט מיך אריינגעצויגן'. אויך האב איך אמאל געהערט פון די בחורים אין ישיבה אז אמאל ביי מיטאג האבן בחורים געשפילט אין ישיבה קלעזמער, אינמיטן איז דער ראש ישיבה אריינגעקומען און דער ראש ישיבה האט פארציילט

די פאלגענדע מעשה מיט רבי נפתלי, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן ׳זיי האבן מיר ארויסגעשלעפט פון אפיס מיט די שיינע הערליכע קלעזמער׳! עס איז באקאנט אז דער הייליגער בעל שם טוב איז געווען א מלמד האט ער אויסגעלערנט פאר אלע קינדער צו קענען שפילן. אויך זעט מען אין סיפורי מעשיות אז ווען איינער האט נאר געהאט עפעס א צרה, פארלוירן א שידוך האט ער געשפילט אויף א פלאאט געשפילט אויף א פידל.

אן אינטערעסאנטע נקודה וואס איך וויל צולייגן איז, אז אמאל איז דא א בחור וואס ער פארשטייט נישט אזוי גוט קיין לערנען, און אויב האט ער א געפיל צו מוזיק קען ער נעמען כלי זמר פאר די ליידיגע צייט אזוי האלט עס זיין קאפ אין גוטע זאכן. ביי מיר איז טאקע אזוי געווען אז ווען איך האב אנגעהויבן צו שפילן האבן מיר מיינע עלטערן נישט געשטערט, נאר פונקט פארקערט זיי האבן מיר זייער געשעצט. אז מען האט א בחור וואס גלייכט מוזיק זאל ער אים נישט אראפקלאפן, נאר מחזק זיין, ווייל דער רבי האט שטארק געהאלטן פון זיך פרייליך מאכן מיט כלי זמר.

נאך א זאך דארף ארויסגעברענגט ווערן, אז ווען איינער וויל זיך היינט לערנען מוזיק זאל ער זען זיך צו לערנען ביי א היימישע איד, נישט ח״ו ביי די פרייע אדער גאר ביי די אומות העולם ר״ל, ווייל איך האב א חבר וואס איז תמימות׳דיג געגאנגען לערנען ביי פרייע צו שפילן און דאס האט אים ליידער ביטער אראפגעשלעפט, אזש היינט האלט ער שוין גארנישט רחמנא לשיזבן, וועגן דעם דארף מען זייער אכטונג געבן אין די ענין אז קיין שום שלעכטס זאל פון דעם נישט ארויסקומען בעזרת ה׳.

באמת א גרויסן יישר כוח פארן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט ספעציעל פאר די ליינער פון ״קרית ברסלב בלעטל״. דער אייבערשטער זאל אייך העלפן מיט גרויס הצלחה אין אייער ארבעט, איר זאלט קענען מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה און צו שמחה. זאלט איר האבן א פרייליכן ל״ג בעומר. ■



ביזנעס קארדס אלע סייזעס פאר גוטע פרייזן.

ביטע רופט 845-640-1160

א שיינע איין בעדרום דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אוועליבעל צו דינגען פארן זומער.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

ל"ג בעומר
אין מירון

"וועלכע טאג גייט שוין זיין?"

"ל"ג בעומר!"

"וואו גייט מען פארן?"

"קיין מירון!"

"וואס גייט מען דארט טון?"

"מען גייט מיר מאכן פיאות!"

אונזער זיסער חאלאקע אינגל האט זייער זיס שוין געקענט ענטפערן אלע שאלות, און די גאנצע משפחה האט ארויסגעקוקט צוזאמען מיט אים צום גרויסן טאג ווען ער גייט שוין ווערן עכט גרויס און באקומען שיינע הייליגע פיאות.

דערהייליגערטאגהאטזיךברוךהשםדערנענטערט מיט גרויסע טריט. דא האט זיך אנגעהויבן אסאך שאלות; זאל מען מיטנעמען אלע קינדער, אדער נאר

די גרעסערע? זיי ווילן זייער שטארק מיטהאלטן די גאנצע שמחה, אבער אפשר וועלן זיי זיך דערשרעקן פונעם באלאגאן און נאר וויינען די גאנצע צייט?

ווען מיין שוועסטער האט זיך אנגעטראגן צו האלטן די קליינע איז געפאלן די החלטה אז די גרעסערע וועלן מיטפארן, זיי קענען שוין מיטהאלטן אפילו עס איז דא אזויפיל מענטשן, און די קליינע וועלן גיי צו מומע מרים, זי גייט במילא בלייבן מיט איער קליינע קינדער, אזוי וועט יעדער זיין צופרידן.

שרה'לע האט קודם אנגעהויבן קוועטשן "יעדער וועט פארן און איך נישט"? אבער ווען זי האט געהערט אביסל וואס ס'טוט זיך אין מירון האט זי שוין יא געוואלט בלייבן, ווייל אפשר וועט זי פארלוירן ווערן דארט.

אונזער מומע וועט מסתמא גיין ל"ג בעומר נאכמיטאג צום קבר שמעון הצדיק, אזוי ווי אסאך פירן זיך אז אויב מען קען נישט פארן קיין מירון גייט מען צום הייליגן קבר פון שמעון הצדיק אין ירושלים, און דארט איז אויך זייער לעבעדיג, מען טאנצט מיט מוזיק און עס איז דא דארט אפשערן אינגלעך, ממש א 'מיני מירון'.

ערב ל"ג בעומר איז די הכנות געקומען צום קלימאקס, מען דארף איינפאקן גענוג טרינקען און עסן אויפן וועג, א איבריגע העמדל אויב דער חתן וועט זיך אנברעכן... נאך א קאפל אויב די קאפעלע וועט זיך פארלירן, און דער חתן זאל נאר נישט בלייבן אן א קאפעלע... באטיס... צומיס... נאש... אויך א קערידש פארן חתן... ווי נישט ווי איז דער גרויסארטיגער חתן א קליין אינגל פון דריי יאר... און אויב ער ווערט ער הונגעריג אדער מיד איז נישטא צו וועמען צו רעדן...

די קינדער האבן זיך ארומגעדרייט איבעראשט צווישן די פעקלעך און זעקלעך. נאכמיטאג האבן זיך אלע אנגעטון שיין שבת'דיג, מען האט אויסגעקעמט די לאנגע האר פונעם חאלאקע אינגל און עס איינגעדרייט אין שיינע לאקן. די פאות האט מען שיין איינגעקרייזלט און ארויפגעלייגט א שפילקע מען זאל נאר נישט בטעות ארייינשניידן אין דעם, און אים אנגעטון די גרויסע קאפל מיטן שיינעם חלאט'ל. יעצט זעט ער שוין אויס א זיסער חאלאקע חתן!

ווען די נאכט איז צוגעפאלן איז די גאנצע משפחה ארויס מיטהאלטן די הדלקה, די טונקעלע נאכט איז באלויכטן געווארן מיט די פילע הדלקות, און די מוזיק האט זיך געהערט ווייט ארום. שפעט ביינאכט איז מען אהיימגעקומען און דער חתן איז געקומען מיר ווייזן: "מאמי! קוק! מען האט שוין אנגעהויבן שערן מיינע הארעלעך!" דער טאטע האט פארזיכטיג ארויסגענומען דעם שערל און די זעקל האר. יא, זיידי האט שוין געשוירן, ווייל ער ווייסט נישט אויב ער גייט אונז טרעפן מארגן, אויך דער רב פונעם שול דערנעבן האט אפגעשוירן אביסל, עס איז א שיינער מנהג אז רבנים און דיינים זאלן אפשערן דעם קינד, די שערל און זעקל האט מען פארזיכטיג איינגעפאקט מיטצונעמען מארגן, מען נעמט צאם די הארעלעך אין א זעקל, און עס זענען דא וואס פירן זיך עס אפצואוועגן נאכדעם און געבן צדקה לויט וויפל עס וועגט.

ווי נאר דער פרימארגן האט אויפגעשיינט זענען די קינדערלעך אראפגעשפרינגען פון די בעטן, איך האב זיך איינגערעדט אז איך וועל אניאגן עפעס צו דאווענען פארן ארויספארן... אבער נישט געפערליך מען גייט דאך זיין אין מירון פאר דעם צוועק... זיי האבן זיך לוסטיג אויסגערישט, מען האט אפגעטראגן די קליינע צו אונזער מומע, און ווען דער טאטע איז אהיימגעקומען פון שחרית האט מען זיך ארויסגעלאזט צו די באסעס.

אמאל האט מען געדארפט באשטעלן א פלאץ עטליכע טעג פאר ל"ג בעומר, הײנט איז בדרך כלל צוגעשטעלט באסעס אין יעדע קהילה. אויך זענען דא פירמעס וועלכע שטעלן צו באסעס אויפן פלאץ. מען קומט אן מען קויפט א טיקעט, און ווען דער באס פילט זיך אן פארט מען ארויס. אט איז ארויסגעפארן א באס, מיר זענען ארויף אויף א האלבע ליידיגע באס, פלאצירט אלע זעקלעך און פעקלעך, ביז א קורצע צייט איז דער באס פול געווארן און... ויסעו!!!

די אינגלעך זענען לעבעדיג און

לוסטיג, איך האב געהאפט אז נאכן גיין שלאפן אזוי שפעט און אויפשטיין אזוי פרי, וועט מען כאפן א דרימל אויפן לאנגן וועג, אבער דער חאלאקע אינגעלע האלט אלעמען אויף מיט זיינע זיסע חכמה'לעך.

דרייסטע מפיצים שטייען און פארשפרייטן קארטלעך און קונטרסים צו באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער.

נאכן פארן א צוויי שעה הייבט מען שוין אן צו זען די געדרייטע וועגן פון די גליל בערג, דער באס דרייט זיך ענדליך איין און שטעלט זיך אפ ביי א גרויסע פארקינג לאט. מען זעקלט זיך אראפ מיט די גאנצע משפחה, יעדער איז דא? פון דא וועט מען דארפן פארן מיט א שאטל באס ביז מען קומט אן צופוס'ן פונעם בארג מירון.

אין מיינע מיידלישע יארן זענען די באסעס יא ארויפגעפארן אויך די שטיקל וועג אבער אין די לעצטע יארן ווען עס קומען אן אזויפיל באסעס און קארס האט מען איינגעפירט א נייעם סדר.

מען שלעפט זיך ארויף אויפן שאטל, די קינדער - (און אויך די גרויסע) - פארלירן שוין די געדולד, נאך אביסל, נאך אביסל, און מען קומט שוין אן!!! די באסעלע דרייט זיך ארויף דעם געשלענגטן וועג און ענדליך... ענדליך... מען איז אנגעקומען!

אונזער גרויסער חאלאקע אינגל גייט אריין אין וועגל. מען הענגט אויף אלע פעקלעך און זעקלעך, און מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג... א לייכטער שווינדל באפאלט מיר, מענטשן... מענטשן... און מענטשן... א טומל... א גערודער...

און ווארט... אונז זענען נאך בכלל נישט אויפן בארג... דער באס האט זיך אפגעשטעלט ביים אריינגאנג פון מירון, פון דא און ווייטער גייט יעדע צופוס.

נאכן גיין עטליכע מינוט קומען אונז אן ביים שיידוועג וואו דער דרך מהדרין צוטיילט זיך, אונזערע וועגן שיידן זיך, דער טאטע נעמט דעם חאלאקע אינגל מיט די גרעסערע אינגלעך, מיר רעדן אפ א פונקטליכע צייט און פלאץ וואו זיך צו טרעפן ביים וועג צוריק. יא, מיר האבן אלע סעלפאונ'ס אבער אין דעם גרויסן באלאגאן, כאפט עס כמעט קיינמאל נישט. איז די בעסטע צו זיין קלאר פון פאראויס, אויב עס געלונגט יא צו זיך פארבינדן, קען מען מאקסימום טוישן דעם פלאץ.

איך טרעף זיך שטיין אינעם מישמאש פון מענטשן, מענטשן קומען, מענטשן גייען. אינעם זייט פונעם גאס איז אויסגעצויגן א ריזיגער פלאקאט פון די ארגאניזאציע יד לאחים און א מייק דונערט אין די אויערן "איך הייס אחמד בן שרה איך בעט זיך ביי ענק! האטס רחמנות אויף מיר און נעמט מיר ארויס פון געפענגעניש! געבט דא אייער ברייטהארציגע נדבה און אזוי וועלן אונז קענען ראטעווען וואס מער אידישע פרויען וואס זענען נעבעך ארייגעפאלן און חתונה געהאט מיט אראבער ירחם השם, און זיי טרעפן זיך נאכדעם פארפלאגט אונטערן אראבער, דורך אייער נדבה וועט מען קענען ראטעווען זיי און זייערע קינדער!"

אביסל ארויפצו נעמט מען צאם געלט פאר למנות און יתומים, אויף די אנדערע זייט פארקויפט מען דעם הייליגן זוהר מיט א שיינער פירוש. אויך דרייסטע מפיצים שטייען און פארשפרייטן קארטלעך און קונטרסים צו באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער.

די זון באקט, און מיין קאפ דרייט זיך פון דעם גאנצן טומל, מיין מויל

ווערט טרוקן, אה! דארט איז דא א אוהל פון הכנסת אורחים, איך גיי אריין און כאפ זיך אפ, זיך צו געפינען אביסל אונטער א שאטן. עס שטייען בענק און טישן און גוטהארציגע פרויען שטייען און טיילן עסן פארן עולם. נאכן זיך דערכאפן די הארץ פיל איך זיך אויפגעפרישט צו פארזעצן דעם וועג.

אין זייט שטייען אנגעהויפנט פלעשלעך וואסער פאר יעדן צו נעמען וויפל מען דארף, איך נעם א פלעשל - צוויי, און יעצט קען איך שוין טראכטן פון ארויפגיין דעם הייליגן בארג. דער שטראם פון מענטשן גייט אויף ארויף, ענדליך זע איך שוין דעם נאסטאלגישן ארייננאנג צום מערה, ניין, מען זעט נישט די טויערן, מען זעט מענטשן, און מענטשן, און מענטשן, די בלויע דעכער דערהייבן זיך העכערן עולם און דערציילן אז דא איז די הייליגע מערה פון דעם גרויסן תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי.

וואו זאל איך פריער לויפן? וואס זאל איך פריער ארייכאפן אין דעם גרויסן טאג? איך וויל ארייגניין אין מערה, אינעווייניג וואו עס פילט זיך יום כיפור, וועט זיך זיכער עפענען מיין הארץ, איך מאך דעם וועג דורך דעם געדרענג פון מענטשן און טרעף זיך ביים ארייננאנג.

אוי! וואס גייט דא פאר? די מערה איז ליידיג, עס איז אויסגעשטעלט א וועג פון צוויי צוימען אין פארעם פון א שלאנג און מען גייט דורך צווישן. אה! איך דערמאן זיך אז לעצטע יאר האבן זיך מיינע ניסעס געקעגט אויף דעם "שלאנג" אין מערה, וואס מען האט געמאכט ביי די זייט פון די פרויען! נישט דא קיין צוויי ברירות, איך האב זיך געטראפן א ווינקל און געזאגט איין קאפיטל נאכן צווייטן מיט א ווארעמקייט וואס מען שפירט נאר ל"ג בעומר אין מערה.

וואס גייט דא פאר? די מערה איז ליידיג, עס איז אויסגעשטעלט א וועג פון צוויי צוימען אין פארעם פון א שלאנג און מען גייט דורך צווישן.

עס איז געווען גוט צושטופט, אבער נאך אפאר קאפיטלעך האט מען מיר גענומען יאגן און טרייבן, "גייט שוין! האלט נישט אויף די אנדערע פרויען וואס ווילן אויך ארייגניין"! איך קען זיך נישט קאנצעטרירן אזוי, אפילו אפאר אידישע ווערטער גייט נישט ארויס פון מיין מויל און איך טרעף זיך שנעל אינדרויסן פון מערה.

איך פיל זיך טיף אנטוישט, ווער ווייסט ווען איך וועל בכלל האבן א געלעגנהייט נאכאמאל צו זיין אין מירון, קען איך זיך שוין טאקע נישט אויסגיסן מיין הארץ? איך גיי נאך דעם שטראם פון מענטשן אן קיין מוט אן קיין כח, ווען עס בליצט מיר אויף דעם געדאנק דאס וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט נאכאנאנד: "ווען עס קומט אן צייטן וואס עס איז באוואוסט אלס א עת רצון אזוי ווי ל"ג בעומר, פורים, זעט מען ווי מענטשן ווערן פארלוירן מען פרובירט צו כאפן, צו לויפן, זאגן, פועל'ן, לאמיר זיך בארוהיגן, ל"ג בעומר איז טאקע א גרויסער טאג אבער לאמיר זיך נישט פארלירן, מען קען פועל'ן וואו מען איז, ווען עס איז, אויב וועל איך זיך טרעפן נאך ל"ג בעומר און איך בין נישט אנגעקומען צו זאגן אביסל מער קאפיטלעך תהילים וועל איך וויסן אז אויך ל"ד בעומר קען מען רעדן צום אייבערשטן...

עפעס בארוהיגט זיך אין מיר, ל"ג בעומר איז א גרויסער טאג, דא, יעצט, וואו איך געפין זיך, צו איז עס אין מערה, ערגעץ וואו אויפן בארג, אפילו אין ירושלים, אדער סיי וועלכע פלאץ אויף די וועלט, איך דארף נישט כאפן, איך דארף נישט לויפן, איך גיי פועל'ן וואו איך בין. פלוצלונג עפנט זיך מיינע אויגן, לאמיר ענדשויען די יעצטיגע מינוט, הנאה האבן פון דעם מישמאש און לעבעדיגן עולם.

קוק! דארט איז מיין מומע און אירע טעכטער, זי באגריסט מיר מיט א הילכיגן "מזל טוב! אסאך נחת!" און איך ווינטש איר פרייליך צוריק: ביי דיר אויף שמחות! זי שמייכל זיך אונטער, זי האט יעצט א דריי יעריגע מיידל, מסתמא חלק'עט זי א אייניקל...

אט זע איך צווישן אלעמען מיין שכנה פון אנטקעגן, אה... מיר דארפן פארן ביז מירון כדי זיך צו טרעפן???..

פון ערגעץ וואו וואקסט מיין שוועגערין ארויס, "מזל טוב! מזל טוב! וואו איז דער חתן? ביי די מענער? קום צוזאמען אריבערגיין ביי די טרעפ אונטערן מערה און מיטהאלטן די לעבעדיגע טענץ!"

זייער גוט! מיר גייען צוזאמען און טרעפן א גוטן פלאץ, קוק ווי שיין! אלע סארטן אידן טאנצן צוזאמען. דו זעסט - א עלטערע אידענע ווייזט מיר אן דעם שיינעם בילד - אזוי וועט ז י י ן וען משיח וועט קומען, לע וועלן



אנטקעגן גיין משיח'ן צוזאמען - ספרדים, ליטווישע, אשכנזים, תימנ'ער, נישט קיין חילוק פון וואו דו קומסט, פון וועמען דו שטאמסט! איך שאקל צו מיטן קאפ.

אינמיטן די לעבעדיגע טענץ טאנצן די טאטעס מיט די חאלאקע אינגלעך, הייליגער באשעפער! איך וויל זען אונזער חאלאקע אינגל! אט באמערק איך ווי איינער גייט ארויס פון ראד, און נעמט אפ א מזל טוב. יא! עס איז אונזער טאטע! שכח אייבערשטער! מיין שוואגער האט אים אפגעשטעלט, ער איז זיך מכבד אפצושערן א לאקעלע, פונדערווייטנס זע איך אז די קעפעלע איז שוין אט אט אינגאנצן אפגעשוירן, וואוו! אויך מיין שווער איז דארט אנגעקומען, נישט אלעמאל געלונגט אזוי זיך צו טרעפן!

עטליכע מענטשן, מסתמא באקאנטע פון משפחה גייען צו צום געזעמל, נאך א לאקעלע, און נאך א לאקעלע פאלט אונטערן שערל, זיי גייען יעצט אריין אינעם אוהל אין זייט, דארטן איז צוגעשטעלט שער מאשינען און בענקלעך אפצושערן די זיסע אינגעלעך, זיי קומען נאכדעם ארויס מיט א נייער אינגעלע, איך דערקען אים קוים, ער ווערט ארויפגעלייגט אויף זיין טאטנ'ס אקסל, און זיי לאזן זיך ארויס אין א פייערליכן טענצל...

ת-ו-ר-ת-ו-מ-ג-ן ל-נ-ו!!!

איך קוק זיי נאך מיט פארטרערטע אויגן און איך לאז ארויס א ת פ י ל ה: **"הייליגער באשעפער העלף אז די רויסע שמחה זאל זיך איינקריצן טיף אינעם קליינעם הערצעלע, און ער זאל זיך אלעמאל פרייען און זיין שטאלץ מיט זיינע הייליגע פאות! מיט זיין אידישע צורה".**

צו האסטו געוואוסט?

חאלאקע קומט פון לשון חלק - גלאט, ווייל די קעפעלעך פונעם חאלאקע אינגל ווערט גלאט נאכן אפשערן די הארעלעך.

אין ארץ ישראל וואו דער מנהג איז צו ווארטן אויף ל"ג בעומר מיטן אפשערן, פראוועט מען די שמחה צוויי מאל, אין טאג פון דריי יאר טראגט מען דעם אינגעלע אין חדר מיט א טלית וואו מען לערנט מיט אים די הייליגע א-ב, און ער לעקט די זיסע האניג..

אין דעם טאג געבט מען אכטונג זיינע אויגעלעך ער זאל נישט זען טמא'נע גוים אדער חיות ווידערום אין טאג פון ל"ג בעומר פראוועט מען די חאלאקע - די גרויסע שמחה פון אים אפשערן די האר און באקרוינען מיט די הייליגע פאות.

"הייליגער באשעפער העלף איך זאל וויסן אז דו ביסט אלעמאל מיט מיר, און איבעראל קען מען רעדן צו דיר, אפילו מען איז נישט אנגעקומען צו זיין אין די מערה מער ווי א האלבע מינוט, קען מען נאך אלץ פויעלן אלעס גוטס".

בילדער
אפטיילונג

קרעדיט: אייזק ראטה

וואכנאכט פון בן מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו

קרעדיט: שלמה צבי פערל

די קינדער פון ת"ת ירושלים ליינען קרי"ש ביי א אייניקל פון משפחת פערל

קרעדיט: דוד דייטש

קרעדיט: שמעון פיש

אנשי שלומנו העלפן אריבער פירן די זאכן פונעם אלטן ביהמ"ד צום נייעם ביהמ"ד היכל הקודש אין בארא פארק - מוצש"ק קדושים תשפ"ד

קרעדיט: שמעון פיש

מען לייגט נייע טיילס אינעם נייעם ביהמ"ד היכל הקודש אין בארא פארק

סיין אויפגעהאנגן אינדרויסן פונעם נייעם ביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק

מען גרייט אן דעם נייעם ביהמ"ד היכל הקודש אין בארא פארק

קביעת מזוזה אין די נייעם ביהמ"ד היכל הקודש אין בארא פארק - ה' אמור תשפ"ד

קרעדיט: שמעון פיש

קרעדיט: יוסי פרערויא

קרעדיט: יוסי פרערויא

וועכנטליכע דאנערשטאג נאכט שיעור מיט חנוכת הבית אינעם נייעם ביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק

קרעדיט: שמעון פיש

קרעדיט: יוסי פרערויא

מעריב נאכן דאנערשטאג נאכט שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק

שיק אריין די בילד פון דיין **שבועות פארמעסט** ביז מאנטאג פרשת בחוקותי!

מעשה'לעך פאר קינדעלעך

גֶעדַאוֶוענְט פַאר אַ קַאץ

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַ קַאץ קֶען הֶעלְפְן? אַ קַאץ קֶען מַאכְן נִיסִים?

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן נִיסִים; דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קַאץ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעדַאוֶוענְט יָארְן לַאנְג מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת פַאר אַ קַאץ. עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען אִין אַ צִימֶער אוּן פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט עֶר אַ גֶערוּדֶער וִוי אֵיינֶער דְרֵיידְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'מִן הַסְתָּם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן זֶען וִוי אַזוֹי אִיךְ דַאוֶוען', דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אֱמוּנָה, עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ שְׁטַארְק שָׁאקְלֶען אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן זָאלְן זֶען וִוי שֵׁיין עֶר דַאוֶוענְט, יֶעדֶעס מָאל עֶר הָאט גֶעהֶערְט גֶערוּדֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר דַאוֶוענְט, עֶכְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט.

וֵוייסְט אִיר קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן? וֵוייסְט אִיר וֶוער עֶס הָאט גֶעמַאכְט דִי גֶערוּדֶער? אַ קֶעצְל! דָארְט הָאט גֶעוואוֹינְט אַן אַלְטֶע פְרוֹי, זִי פְלֶעגְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אִינְדֶערְפְרִי אַ טָאפּ מִיט מִילְךְ פַאר דִי קֶעץ, דִי קֶעץ פְלֶעגְן אַרוּמְשְׁפְּרִינְגֶען בַּיים טְרִינְקֶען דִי מִילְךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דִי גֶערוּדֶער, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדַאוֶוענְט אַלֶע זַיינֶע טֶעג פַאר קֶעצְלֶעךְ".

בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער דַאוֶוענֶען נִישְׁט פַאר קֶעץ, זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער - וָואס זֵיי דַארְפְן בֶּעטְן זֵיי נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט נִישְׁט קַיין קֶעץ אוּן נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן.

הֶע הֶע הֶע, קוּק אָן דֶעם בְּרֶסְלֶב’עֶר חָסִיד!

דעם רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד



און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

נחמן ברוך יאקאבאוויטש נ"י - קרית ברסלב

ברסלב'ע חידות

מוהרא"ש זאגט: ווער עס שניידט זיך די בארד, שניידט זיין

א. פרנסה
ב. פיאות
ג. יראת שמים
ד. עולם הבא

ענטפערס פון פאריגע וואך:

חידה: ב. דריי אזייגער. **שיחה:** איר קענט קנייטשן מיין ספר וויאזוי איר ווילט, אבי נישט אוועק גיין פון שלחן ערוך.

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

ד. יֵשׁ דְּבָרִים שֶׁהֵם מְבִיאִים הֶזֵּק גָּדוֹל לָעוֹלָם, וְהַדָּבָר קָשֶׁה לָמָּה נִבְרְאוּ, תֵּדַע שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ בָּהֶם צַד אֶחָד לְטוֹבָה.

עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מַאכְן אַסַאךְ שָׁאדְן פַאר דִי וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, זָאלְסְטוּ אָבֶער וִויסְן אַז עֶס זִיכֶער דָא אִין זֵיי עֶפֶּעס וָואס בְּרֶענְגְט אוֹיךְ גוּטְס פַאר דִי וֶועלְט.

שרייב טישל

טרעף די וועג

טרעף די וועג צום **פייל און בויגן**





טרעף די ווערטער

קויף זיך א פייל און בויגן: ל"ג בעומר זאלסטו זיך שפילן מיט'ן פייל און בויגן, זאלסט שיסן די פיילן. דער הייליגער רבי זאגט: "שיסן ל"ג בעומר מיט'ן פייל און בויגן, איז א סגולה פאר קינדער.

ע	מ	פ	י	י	ל	ה	נ	ע	מ	ר
ו	י	ר	מ	ס	מ	כ	ט	מ	ל	ש
ו	ט	מ	נ	ק	ר	פ	י	נ	צ	ח
י	נ	ו	ג	ק	ב	ז	מ	ב	א	ט
ז	א	ע	י	ז	י	א	א	כ	מ	ג
ל	ד	ב	ו	ד	ג	ל	ו	ל	ז	ג
ל	ע	ש	ב	ל	א	ס	ז	נ	ס	ת
ז	ר	ח	י	ב	ג	ט	ק	ר	ב	ט
ע	א	י	א	ו	ל	ו	ח	ס	י	ה
א	פ	נ	ל	י	פ	ש	ס	כ	ח	י
ק	נ	ה	י	ע	כ	צ	ל	ט	ל	י
ד	כ	ש	א	ש	ה	ר	ג	פ	ת	ל
ג	א	ג	צ	ת	נ	ד	ס	ב	ד	י
ח	ל	ס	ר	ג	פ	ע	א	ו	מ	ג
ל	ו	ע	י	ח	נ	ו	ז	י	כ	ע
א	ת	ו	א	ב	ס	ד	צ	ג	צ	ר
ש	ב	י	ע	ש	פ	ד	ש	נ	ל	ש
נ	צ	ו	י	י	פ	י	ס	ו	ו	י
ה	מ	ד	ז	ס	ש	י	י	ש	ב	ס
ר	צ	ז	ט	נ	א	ו	ו	ל	ב	נ
פ	ו	א	ז	ק	ש	כ	מ	ק	נ	ל
פ	ז	ע	א	י	צ	ז	א	ג	ט	צ
ט	נ	א	ח	נ	מ	ז	ק	ז	א	צ
ש	ס	ז	ל	ד	ו	א	א	י	ו	ג
צ	ס	ר	ג	ע	י	צ	נ	כ	נ	ר
ד	ה	ס	צ	ר	ש	ה	פ	ס	א	ל

קליין און פיין

שיקט ארײַן אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



משפחת הערצאג און פריינד
וויליאמסבורג



בית פיגא שטעטל
עלטסטע קלאס



פייגי לאנדא קרית ברסלב

נחמן נתן בלום - ספירה
הערט מען נישט מוזיק

נחמן נתן יאקאבאוויטש



ריקי שניצלער



רבקה וועבערמאן - לג בעומר
פייער מיט א ספיקער

גאמאלן

א מעשה פון תפלה



לָאמִיר
שְׁפִּילְן
שִׁים שַׁאם
שָׁאם

אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ
זָאל קֶענֶען
אַרִיבֶּערְגֵיין
אָן אָנְכַאפְּן דִי
שְׁטְרִיק



שְׁכּ֫חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
עֶס אִיז
גֶעלוּנְגֶען

גאמאלן דורך:
דבורה לעווינזאן

אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
לֶערְנֶען אִין בֵּית
פֵּיגָא שׁוּלֶע

טוֹיבִּי דוּ
גֵייסְט אָנְהֵייבְּן
לֶערְנֶען אִין בֵּית
פֵּיגָא

שְׁכּ֫חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ לֶערְן שׁוֹין
אִין בֵּית פֵּיגָא

גאמאלן דורך:
טויבא מינצבערג

בס"ד

We accept most insurance plans

You shouldn't waste an hour on a simple test

Get the care you need in your own home.

SERVICING ENTIRE BROOKLYN AREA

OUR AT HOME SERVICES :

PRESCRIPTIONS. STREP CULTURES.
FLU & COVID/RSV TESTING.
URINE CULTURES. EAR EXAMINATIONS.

Now servicing the upstate area, Liberty and Bloomingburg

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Info@medeasecare.com
medeasecare.com

Mon-Thurs: 3:30pm-10pm | Sunday: 12:00pm - 6:00pm

admarkny.com